STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06221

BAY DER SHKYE FUN LEBN

Jacob Biber

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב ביבער

ביי דער שקיעה פון לעבן

✡

לידער און פּאָעמעס פון אַ געראַטעוועטן ייד

✡

רעדאַגירט פון
אַלעק סילווער

✡

סענטשורי ווילעדזש, פּעמברוק פּיינס,
פלאָרידאַ — 1992

JACOB BIBER

BEI DER SHEKYE FUN LEBN

(AT THE TWILIGHT OF LIFE)

❋

SONGS AND POEMS OF A SURVIVOR

❋

Edited by **Alek Silver**

❋

Published in
Century Village, Pembroke Pines,
Florida - 1992

❋

Typeset and Printed by
Adler Graphics
Toronto, Canada, 1992

חוהן, מיין לעבנס
באַגלייטערין פון פריער
יוגנט אָן — אַ מתנה.

יעקב ביבער

אַרײַנפֿיר

האָט דער גורל געוואָלט, אַז מיר זאָלן אויסלעבן אונדזערע עלטערע יאָרן אין דער וואַרעמער פלאָרידע צווישן עמך. דאָס האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט ווייטער אָנצוגיין מיט אונדזערע טעטיקייטן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. ספּעציעל אַרבעטן מיר לטובת מדינת ישׂראל, וועלכע איז אונדז זייער ליב.

ווען מיר האַלטן שוין ביי דער שקיעה פון לעבן, און כּל זמן דער שכל דינט נאָך, ווילט זיך זייער איבערלאָזן פאַר די צוקונפטיקע דורות אַ כּתב־יד, וואָס ברענגט אַרויס די געפילן אין האַרצן, וואָס עס פאַרמאָגט אַ יידיש פאָרפאָלק, וועלכע האָבן אַ סך דורכגעמאַכט אין זייער לעבן, איבערהויפּט דעם שרעקלעכן חורבן פון אונדזער פאָלק.

ווען די געדאַנקען לויפן אויף צוריק, שווימען אַרויף זכרונות פון אָפּגעלאָפענע טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן. זיי שליסן איין תקופות פון טרויער און פרייד, פון חורבן און אויפלעב, פון שווערער אַרבעט און דערגרייכונגען. עס זיינען געווען צייטן פון שווערן פאָלקישן צער און פאָלקישער שׂמחה; צייטן פון פערזענלעכע וואָגלענישן און פערזענלעכן נחת. איבערלעבונגען, פאַרלוסטן, זכרונות, האָפענונגען און דערגרייכונגען האָבן זיך צוזאַמענגעמישט און לאַנגזאַם האָבן זיך פון דעם פלאָנטער אָנגעהויבן באַווייזן קלאָרע בילדער, וועלכע איך האָב זיך באַמיט איבערצוגעבן מיט מיין פעדער אויף די אָפּגעדרוקטע בלעטער, וואָס דער לייענער האָט איצט פאַר זיך.

די לידער און פּאָעמעס אין דעם בוך זיינען איינגעטיילט אין אָפּטיילונגען און באַווייזן אונדזער בליק אויף די טעמעס, וועלכע זיינען אַזוי נאָענט צו אונדזערע הערצער: דער חורבן און די יאָרן נאָכן חורבן; יידיש; מדינת ישׂראל; די נאַטור און נאָך ענלעכע פאַר אונדז נאָענטע טעמעס. אַ טייל לידער זיינען געשריבן געוואָרן מיט פיל יאָרן צוריק. אַ טייל לידער אין די לעצטע יאָרן. אַ טייל זיינען אויך שוין געווען געדרוקט אין פאַרשיידענע יידישע צייטשריפטן. אָבער אַלע צוזאַמען שטעלן פאָר מיט זיך אַ קאַליידאָסקאָפּ פון מיינונגען און געפילן, וואָס האָבן אונדז באַגלייט במשך אונדזער לעבן.

מיר האָפן, אַז דער לייענער וועט מיט הנאה אויפנעמען דעם ביישטייער צו דער יידישער ליטעראַטור, פון על־פּי־נס געראַטע־וועטע פון נאַצישן גיהנום.

ספּעציעל ווילן מיר דאָס איבערלאָזן כמו אַ צוואה פאַר אונדזערע קינדער און אייניקלעך. ס׳איז אונדזער האָפענונג, אַז זיי וועלן זיך צוהערן צו אונדזער געבעט פאַר אָנהאַלטן יידיש, שטיצן מדינת ישראל, העלפן אַנדערע און פאַרשפּרייטן ליבע איבער דער וועלט.

— י. ב.



ביאָגראַפיע פונעם מחבר

יעקב ביבער איז געבוירן געוואָרן דעם 15־טן מאַרץ, 1915, אין דעם שטעטל מאַציעוו, וואָלינער געגנט. די גרעסטע שטאָט נישט ווייט איז קאָוועל. ער איז געווען דער ייִנגסטער פון דריי ברידער. זיינע פרומע עלטערן האָבן שווער געהאָרעוועט אויף פּרנסה. דער טאַטע איז געווען אַ הענדלער פון בהמות, תבואה, פּרוכט פון סעדער און דאָס גלייכן. אָבער קיין גרויסער פאַרדינער איז ער נישט געווען. די מאַמע האָט אַרויסגעהאָלפן מיט אַ קליין קרעמל אין שטוב.

טראָץ דעם, וואָס דער פאָטער איז געווען אַ פרומער, האָט ער געוואָלט, אַז זיינע זין זאָלן אויך באַקומען אַ ברייטע, ליבעראַלע דערציִונג. ביז צוועלף יאָר האָט יעקב געלערנט אין חדר. דערנאָך איז ער איבערגעגאַנגען אין אַ „תרבות"־שולע, וווּ חוץ העברעיִש האָט ער אויך געלערנט אַנדערע וועלטלעכע לימודים. שפּעטער האָט ער, צוזאַמען מיט נאָך דריי חברים, געלערנט עברית ביי אַ פּריוואַטן לערער.

שוין פון דער פריִעסטער יוגנט האָט יעקב ליב געהאַט צו לייענען אין זיינע פרייע שָעהען. ער האָט פּשוט „געשלונגען" אַלץ, וואָס ער האָט באַקומען אין זיינע הענט. ער האָט אויך גאַנץ פרי אָנגעהויבן „זינדיקן" מיט שרייבן לידער — אין אָנהויב אויף העברעיִש און שפּעטער אויף ייִדיש.

אַלט זייענדיק פערצן יאָר איז ער געוואָרן אַ מיטגליד אין דער אָנפירערשאַפט פון אַ חלוצישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. צוזאַמען מיט

נאָך צוויי חברים האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ לאָקאַלע וואָכנצייטונג פֿאַר דער יוגנט — געדרוקט/געשריבן מיט דער הילף פֿון אַן עקטאָגראַף.

אין זעלבן עלטער האָט יעקב פֿאַרלוירן זיין מאַמע, וועלכע איז יונגערהייט אַוועק פֿון דער וועלט. דאָס האָט שטאַרק צעטרייסלט דעם יונגן יעקב. נאָך מער ווען דער מיטלסטער ברודער, וועלוול, האָט פֿאַרלאָזט די היים און אַוועק קיין אַרגענטינע צו זוכן אַ בעסערן מאָרגן. טראָץ זיינע יונגע יאָרן האָט יעקב געמוזט אַרויסהעלפֿן דעם טאַטן צו קענען אויסהאַלטן די פֿאַמיליע. ער איז געגאַנגען איבער די דערפֿער און איינגעקויפֿט ביי די פּויערים זייערע פּראָדוקטן, וועלכע ער האָט שפּעטער פֿאַרקויפֿט אין שטעטל צו יידישע באַלעבאָסטעס. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע. אין די זומערדיקע היצן אָדער אין די ווינטערדיקע קעלטן האָט יעקב געמוזט גיין אין די פֿריע שָעהען איבער די דערפֿער און ברענגען פֿרישע פּראָדוקטן אין שטעטל, כדי צו מאַכן גרינגער פֿאַרן פֿאָטער.

אָבער דאָס האָט נישט פֿאַרמינערט יעקבס ענטוזיאַזם צום לעבן און זיינע טעטיקייטן אויפֿן געזעלשאַפֿטלעכן געביט. שוין צו זעכצן יאָר האָט ער געהאָלפֿן גרינדן אַ „פּועלי־ציון" יוגנט אָרגאַניזאַציע אין מאַציעוו. ער איז אויך געווען אַקטיוו אין אַ דראַמקרייז און שפּעטער געוואָרן זיין פּאָרזיצער.

אין מאַרץ, 1939, האָט יעקב חתונה מיט חוה טשערניאַק, אַ יוגנט־חברטע פֿון דער זעלבער אָרגאַניזאַציע און דראַמקרייז. אויך נאָך דער חתונה זיינען ביידע געווען אַקטיוו אין די דאָזיקע גרופּן. זעקס חדשים נאָך זייער חתונה, אין 1939, האָבן די סאָוועטן אָקופּירט דעם ראַיאָן. יעקב איז געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין תבואה שפּייכלערס. אָבער זייערע טעטיקייטן אין דראַמקרייז זיינען ווייטער אָנגעגאַנגען. כמעט יעדן חודש איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן אַ פּיעסע אין יידיש. דער דראַמקרייז האָט באַוויזן צו באַקומען די אויסצייכענונג אַלס דער בעסטער דראַמאַטישער אַנסאַמבל אינעם ראַיאָן, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן פֿון דער סאָוועטישער טעאַטער פֿירערשאַפֿט פֿאַר דער געגנט.

מיט דער צייט האָט חוה געבוירן צוויי קינדער: אין 1940 — אַ יינגעלע, וואָס זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן שלום; אין 1942 — אַ

מיידעלע מיטן נאָמען שרה. אָבער דאָס נאָרמאַלע לעבן איז איבערגעהאַקט געוואָרן, ווען די נאַצישע אַרמיי איז באַפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, דעם 21־טן יוני, 1941. זייענדיק אָפּגעטיילט בלויז אַרום 40 קילאָמעטער פון דער גרענעץ (ביים טייך בוג), האָבן די דייטשן דערגרייכט דאָס שטעטל מאַציעוו שוין אויפן צווייטן טאָג נאָכן אָנגריף. עס האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן די יידישע צרות. אין אויגוסט, 1942, האָבן די דייטשע אָקופּאַנטן דערקלערט מאַציעוו אַלס „יודען־ריין״.

יעקב מיט זיין פרוי חוה און זייער זונעלע שלום זיינען אַנטלאָפן אין די וועלדער. זייערע נאָענטע משפחות זיינען אומגעקומען דורך פאַרשיידענע מיתות משונות. זייער קליין עופעלע, שׂרהלע, האָבן זיי איבערגעלאָזט ביי אַ באַקאַנטער פויערים־פאַמיליע. ווי זיי האָבן זיך שפּעטער דערוווסט, איז שרהלע, דורך אַ מסירה, אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אוקראַינישע מיליציאָנערן, וועלכע האָבן זי דערמאָרדעט.

די ביבערס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד מיט נאָך זיבן יידן. דאָרט זיינען זיי באַפאַלן געוואָרן פון אוקראַינישע מיליציאָנערן און ביים אַנטלויפן זיינען דריי פערזאָנען דערשאָסן געוואָרן — אַ מאַן, אַ זעכצן־יאָריק מיידל און זייער זון שלום. זיי האָבן זיך נאָך דעם געוואַלגערט פון איין באַהעלטעניש צום צווייטן — „ווי געטאָגט, נישט גענעכטיקט״. צום סוף זיך דערשלאָגן צו אַן אָפּטיילונג פון סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס גרויסע שׂונאי־ישׂראל. פון פיר יידן — געוועזן נאָך אַן איינוווינער פון מאַציעוו — האָבן זיי צוויי דערשאָסן. די ביבערס איז געלונגען צו אַנטלויפן מיטן לעבן נאָר צוליב דעם, וואָס דער באַשטימטער אויס־צופירן די עקזעקוציע איבער זיי, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ ייד פאַרשטעלט אין אַ רוסישן מונדיר. ער האָט עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן אין דער לופטן און זיי געהייסן אַנטלויפן.

* * *

אין 1944 האָט זיך די מלחמה געענדיקט אין דער וואָלינער געגנט. די עטלעכע ביים לעבן געבליבענע יידן פון מאַציעוו זיינען

געקומען צוריק אין שטעטל, ווו זיי האָבן געטראָפן דעם גרויסן חורבן. פון פאַרשיידענע קוואַלן האָבן זיי זיך דערוווּסט וועגן דעם גורל פון די יידן אין שטעטל, ווי אויך פון דער אַרומיקער געגנט. יעקב און חוה האָבן געוואָלט באַנייען דאָ זייער לעבן. זיי זיינען געווען אין אַ גרופּע פון צען יידן — פינף גראַטעווועטע אין דער געגנט און פינף, וואָס האָבן איבערגעלעבט די מלחמה אין רוסלאַנד. די לאָקאַלע אוקראַינישע מערדערס, דערמוטיקטע פון סטאַלינס אַמנעסטיע, האָבן אָבער געוואָלט פאַרענדיקן זייער אַרבעט אין דער אויסראָטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער געגנט. דערשראָקענע איז די יידישע גרופּע אין דער שנעל אַנטלאָפן קיין פּוילן און פון דאָרט, מיט דער הילף פון דער בריחה, אַוועק קיין מערב־דייטשלאַנד, אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. ווען די ענגלישע מאַכט האָט פאַרמאַכט די טויערן פון ארץ ישׂראל פאַר יידישער עליה, זיינען די על־פּי־נס געראַטעווועטע יידן דערווייל איינקוואַרטירט געוואָרן אין לאַגערן אין דייטשלאַנד.

אין מיטן 1945 קומען יעקב און חוה אָן קיין פערענוואַלד, אַ די.פּי.־לאַגער אין מערב־דייטשלאַנד. יעקב וואַרפט זיך באַלד אַריין אין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. שוין ביים סוף פון יולי דעם יאָר, ווערט אויף זיין איניציאַטיוו אויפגעפירט די ערשטע יידישע פאָרשטעלונג אויף דער מיט בלוט דורכגעווייקטער דייטשער ערד. יעקב פירט אָן מיטן קרייז און שרייבט די מערסטע מאַטעריאַלן. ער גרינדעט אויך אין פערענוואַלד אַ תרבות־שולע פאַר קינדער, ווי אויך אָוונט־קורסן אין העברעיש פאַר דערוואַקסענע, זיי צוצוגרייטן פאַר עליה.

אין אָקטאָבער, 1945, האָט חוה געבוירן אַ יינגעלע — דער בכור פון די שארית הפליטה קינדער אין דייטשלאַנד — ווען זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן חיים, אַן אויסדרוק פון אַ ניי יידיש לעבן. מיט דער צייט האָבן זיך געגרינדעט שולן אין אַנדערע לאַגערן און דאָס שול־וועזן האָט זיך פאַרצווייגט ביז אַרום זעכציק שולעס. יעקב האָט געאַרבעט לאַנגע שעהען. קיין יידישע אָדער העברעישע ביכער זיינען נישט געווען אין דער פאַרשאָלטענער דייטשלאַנד; אויך נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע עברית־לערער. יעקב האָט צוגעגרייט לימוד־מאַטעריאַלן פאַר די שולן, ווי אויך אַלגעמיינע קולטור־מאַטעריאַלן.

ער איז אויך געווען פּאַרנומען אין דער אָנפירערשאַפט פונעם לאַגער, פונעם קולטור־אַמט, אַלס העברעיש־לערער. פאַרן אַוועקפאָרן פון דייטשלאַנד איז ער געוואָרן דער יושב־ראש פונעם העברעישן לערער־פאַרבאַנד אין בייערן, מערב־דייטשלאַנד.

יעקבס ברודער, וועלוול, פון אַרגענטינע, האָט מיט גרויס פרייד אויפגענומען די גוטע בשורה פון יעקבס און חוהס איבערלעבן דעם חורבן. ער האָט אַראַנזשירט זיי צו ברענגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווו די ביבערס האָבן עמיגרירט אין יאָר 1947. עס האָט גענומען נאָך פינף יאָר ביז די ברידער האָבן זיך געטראָפן אין אַמעריקע. פאַרשטייט זיך, אַז די שׂמחה איז געווען אֵין־לְשַׁעַר.

יעקב און חוה באַזעצן זיך אין קאָנעקטיקוט און ווערן ערד־אַרבעטער (פאַרמערס). דאָרט האָבן זיי געוווינט 38 יאָר. די פאַמיליע האָט זיך פאַרגרעסערט אין אַמעריקע מיט נאָך צוויי זין. טראָץ דער שווערער אַרבעט האָבן יעקב און חוה נישט אויפגעהערט צו זיין אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיי זיינען געווען טעטיק אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און יעקב האָט פאָרגעזעצט זיין שרייבן. ער האָט שוין אַרויסגעגעבן דריי ביכער אין ענגליש, וועגן זייערע אייגענע איבערלעבונגען און פון אַנדערע געראַטעוועטע פונעם חורבן. די ביכער הייסן: „סורוויוואָרס״ (די ניצול־געוואָרענע); „ריזען פראָם דהי אַשעס״ (אויפגעגאַנגען פון די אַשן); און „עגאָני ענד טרייאומף״ (יסורים און נצחון). די ענגלישע ביכער זיינען זייער גוט אויפגענומען געוואָרן פון די לייענער און יעקב האָט באַקומען גוטע אָפּרופן פון באַקאַנטע פערזענלעכקייטן. אין דער זעלבער צייט האָט ער צוגעגרייט דאָס ביכל יידישע לידער און פּאָעמעס, וואָס דער לייענער האַלט איצט אין זיין/איר האַנט.

יעקב און חוה האָבן זיך שוין צוריקגעצויגן פון דער אַרבעט („ריטאַיערט״). די קינדער זיינען פאַרהייראַט און טאַטע־מאַמע זיינען געבענטשט געוואָרן מיט פינף אייניקלעך, קיין עין־הרע. די ביבערס האָבן זיך באַזעצט אין פלאָרידע, ווו זיי זיינען נאָך אַלץ זייער טעטיק אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, דערהויפּט מיט אַקטיוויטעטן לטובת מדינת ישׂראל, וואָס זיי האָבן שוין באַזוכט פיל מאָל. יעקב האָט זיך אויך געשטעלט אַ מיסיע אין לעבן: צו באַקענען דעם יונגן

דור מיט דער שואה פון 1945־1939. צו דעם צוועק האַלט ער לעקציעס און דיסקוסיעס אין שולן און אוניווערסיטעטן, ווו ער איז זייער דערפאָלגרייך.

איבער אַלעם, פונקט ווי אין די יונגע יאָרן, לאָזט יעקב נישט אַרויס די פען (אָדער שרייב־מאַשינקע) פון זיינע הענט.

— אַ. ס.

ביי דער שקיעה

(פּאָעמע)

(פֿאַר מיינע קינדער און אייניקלעך)

ווי די שקיעה, וואָס הענגט איבערן וואַלד,
וואָס ווערט טונקעלער מיט יעדער רגע,
רוקט זיך אָן מיין לעבנס שקיעה באַלד
און פֿאַרשטעלט מיט נעפּל מיינע וועגן.

באַלד וועט פֿאַרזינקען אין טיפֿן שוואַרץ,
אַ טרויעריק לעבן — ווייניק געלאַכט.
דאָך אַזוי לאַנג ווי ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ,
ווילט זיך, אַז וואַרטן זאָל נאָך די נאַכט.

נאָר שקיעה יאָגט זיך, ווי רעדער אויף אַקסן,
נידעריק פֿאַלט די זון, טונקל ווערט די וועלט.
די שקיעה קומט — מיין ציל ווערט צעוואַקסן:
צו זאָגן די קינדער, וואָס כ׳האָב נאָך פֿאַרפֿעלט.

ס׳ווילט זיך האָבן צייט, איידער די יאָרן יאָגן,
איידער ס׳קומט אָן די נאַכט, די לאַנגע.
די קינדער דאַרפֿן אונדזער וויי נישט טראָגן,
נאָר זאָלן זיי וויסן אונדזערע פֿאַרלאַנגען:

געקומען קיין פֿלאָרידע מיט אַנדערע צוזאַמען,
„ריטייערטע״ פֿון גרויסן רעש און רויש.
די קעלט האָט גענומען אונדזער גאַנג פֿאַרצאַמען,
האָבן מיר דאָס אַלץ אויף וואַרעמקייט פֿאַרטוישט.

מיר האָבן דאָס פֿאַרמעגן — מאַטעריעלע זאַכן —
צווישן זיי שוין לאַנג יושרדיק צעטיילט.
נאָר מיט דער שקיעה פֿראַגעס דערוואַכן:
צי האָבן מיר דען זיי אַלץ שוין דערציילט?

ווייסן זיי פֿאַרוואָס עס באַגלייט אונדז טרויער?
ווייסן זיי דעם פּיין, אונדזער דורות־לאַנגע מורא?
געיאָגט פֿון לאַנד צו לאַנד, דורך טיר און טויער,
נאָר פֿאַר דער זינד, וואָס מיר היטן אָפּ די תורה.

זיי דאַרפֿן וויסן און פֿאַרזאָגן עס אויף שפּעטער,
אַז יושר האָבן יידן דורך פֿייער געטראָגן,
ווי טויבן, וואָס טראָגן פֿון שלום די בלעטער;
פֿאַר דעם האָט מען אונדז געהאַסט, געשלאָגן!

טייכן מיט בלוט האָבן יידן פֿאַרגאָסן,
פֿאַר לערנען דעם מענטש אַ צווייטן נישט צו טויטן.
אונדזער מאָראַל האָט די מערדער פֿאַרדראָסן,
דערפֿאַר אונדז פֿאַרצוימט מיט שטעכיקע פּלויטן.

מ׳האָט יידן געשׁחטן, געהאָנגען, געברענט;
די יונגע, די אַלטע, מאַן, פֿרוי און קינד.
איבער **זעקס מיליאָן** אויף איינמאָל פֿאַרלענדט, —
געווען בני ישׂראל — דאָס איז אונדזער זינד.

אייערע טאַטע־מאַמע (היינט אויך זיידע־באָבע),
זיינען קוים לעבעדיקע פֿון חורבן אַרויס.
אונדזער גאַנצע משפּחה געוואָרן באַגראָבן —
פֿון די זקנים ביז קינדערלעך אין שויס.

די גאַנצע משפּחה און אַלע דאָרטן,
זיינען ווילע מענטשן געווען און ערלעך,
ווי צאַרטע בלומען אין אַ דערנערדיקן גאָרטן,
געלעבט אַ לעבן האָרעפּאַשנע און שווערלעך.

זיך נישט געריכט צו ווערן אויסגעראָטן
דורך האַרצלאָזע מערדער מיט גרויזאַמער מאַכט,
וועלכע האָבן יידן פֿאַרפּייניקט, צעטראָטן;
ס׳האָבן די דייטשן אונדזער סוף פֿאַרטראַכט!

ווען פריי־וועלט צעשלאָגן האָט דאָס געשפּענסט
און אַ הייפעלע יידן פון אומקום באַפרייט,
האָט צו מיר אַ רוס געזאָגט: „ווייל דו קענסט,
דו נעם נקמה, ס׳איז געקומען די צייט!״

מיין ענטפער: „נקמה איז נישט אונדזער צוועק,
נישט אויף נקמה איז געבויט אונדזער וועלט;
מענטשלעכקייט איז אונדזער גראָדער וועג,
אויף מענטשלעכקייט איז אונדזער לעבן געשטעלט.״

איז ווען עס ווערט טונקל, דאָס טאָג ליכט צאַנקט,
צערטל איך מיינע ביכער, מיין יידישע ירושה.
מיר דוכט זיך: כ׳הער פון זיי אַ געזאַנג,
די פיר קאַנטיקע אותיות — הוילע קדושה.

וויל איך, אַז איר, קינדער, זאָלט האַלטן הערלעך
אונדזער יידישע ירושה און זי אָפּהיטן.
איך ווייס: יידיש היטן איז היינט שווערלעך,
ס׳איז שווער צו לעבן מיט יידישע זיטן.

דאָך גלויב איך, ס׳וועלן קומען נאָך צייטן,
ווען יידיש וועט איבערקומען די שווערד
און ס׳וועלן פעלקער פון אַלע פיר זייטן,
מיט יידן לעבן בשלום אויף דער ערד.

ווען איך מאַך די אויגן צו ביי שקיעה,
זע איך אין דמיון דעם נביא ביים זייט,
מיט מלאך־פליגל זע איך אים פליען,
ער ווינקט צו מיר, כ׳פאַרשטיי דעם באַטייט:

„אַ וואָלף מיט אַ שעפּס וועלן נאָך הויזן,
אונדזער האָפענונג, אַז קומען וועט די צייט,
ס׳וועט נאָך די וועלט איר ליבשאַפט באַווייזן;
גלויבן איר מוזט, כאָטש ס׳איז נאָך זייער ווייט. . .״

ווייל איך, קינדער, איר זאָלט מיט כבוד טראָגן
ביז צום סוף פון דורות אייער יידישע ירושה.
און וואָס געפירט האָט מענדעלע אויף זיין וואָגן,
זאָלט איר היטן מיט אָפּשיי און קדושה.

לערנט יידיש פון די שרייבער די גרויסע:
שלום־עליכם, אַנסקי, פּרץ, אָפּאַטאָשו.
פון זיי יידיש טרינקט אַ פולע כוסה,
ס'זאָל דער „פריפּעטשיק" נישט ווערן אויסגעלאָשן.

מיר האָבן גרויסע שאַפער געהאַט אָן אַ צאָל,
כאָטש יידיש לעבן געוועזן ביטער ווי גאַל.
אונדזער גייסט איז שטאַרקער נאָך פון שטאָל,
אונדזער שאַפונג־המשך — אַן אייביקער קוואַל.

איך האָב דערמאָנט דאָ נעמען נאָר אַ פּאָר,
ווי פאַר אַ הונגעריקן דער ערשטער ביס פון מוצא.
נאָר איך וויל פאַר אייך דאָ מאַכן קלאָר,
אַז יידיש איז שטענדיק אַ טייערער אוצר.

אַזוי ווי יידיש, כ'האָב העברעיש אויך גערן,
איך וואָלט פאַר ישראל מיין האַרץ אַוועקגעגעבן.
בעט איך אייך, קינדער, איר זאָלט מיך הערן, —
צו שטאַרקן ישראל זאָל אויך זיין אייער שטרעבן.

נאָך פאַרן לעצטן חורבן האָט אָנגעהויבן שפּראָצן
אַ קלייניקע, אייגענע יידישע לאַנד;
„אַן אייגענע הייזקע איידער פרעמדע פּאַלאַצן",
געזאָגט האָבן יידן אינעם היטלערישן בראַנד.

שטאַרקן זיך די יידן אינעם קליינעם לאַנד,
כאָטש לעבן אויף שטענדיקער וואַך איז ביטער.
נאָר מעכטיק דאָרט איז דער יידישער באַשטאַנד,
אויף אונדזערע שונאים וואַרפט דאָס אָן אַ ציטער!

גלויב איך, אַז קיין חורבן וועט שוין מער נישט קומען,
אַזוי לאַנג ווי ישראל איז פאַר יידן אַ דאַך.
פון אייגענעם לאַנד זיי באַוואַכן די אַרומען,
פאַר יעדער סכנה איז ישראל אויף דער וואַך.

העלפט זשע ישראל מיט וואָס נאָר איר קאָנט,
אַ מעכטיק ישראל זאָל זיין אייער ווילן.
אַז איר וועט אויספילן, וואָס כ׳האָב דערמאָנט,
וועל איך רויִק גיין צום קבר, דעם שטילן.

און איך גלויב אויך, אַז אַ לעבן נאָכן טויט,
איז אַן אַנדער לעבן דאָ אויף דער וועלט.
אַזוי ווערן לעבנס פון דור צו דור געבויט,
ווען אַ לעבן ווערט פאַרלאָשן, אַ נייער לעבן קוועלט.

טראָגט זשע קינדער שטאָלץ דאָס ליכט פון עם הספר,
טראָגט הויך ווי אַ פאָן ליבשאַפט און יושר.
זייט יידיש מיטן גאַנצן אייפער,
איר זאָלט יידישע עטיק קיינמאָל פאַרטוישן.

מיט דעם וועט מיין שקיעה ווערן לייכטער,
ווי אַ פעדער לייכט, מיין גאַנג אויפן לעצטן וועג.
און אַז מיין וווּנטש וועט זיין אַ דערגרייכטער,
האָט מיין לעבן דאָ דאָך געהאַט אַ צוועק.

לייכטער וועל איך גיין צום שוואַרצן היכל,
כאָטש איך טראָג מיט זיך טרויעריקע פעק,
מיין לעצטער אָטעם וועט אויסגיין מיט אַ שמייכל,
מיט שקיעה רויִקייט כ׳וועל אין אייביקייט אַוועק. . .



אונדזער גרויסער חורבן. . .

אָ, גאָט פון מיינע פרומע טאַטע־מאַמע

אָ, גאָט פון מיינע פרומע טאַטע־מאַמע,
זיי האָבן געגלויבט אין רחמנות, פאַרגעבן.
פאַרוואָס האָסטו געלאָזט זיי גרויזאַם פאַרסמען?
אַזוי פיינלעך פאַרענדיקט זייער לעבן?

אָ, גאָט פון מיינע פרומע טאַטע־מאַמע,
זיי האָבן מיט תפילה און פאַסטן דיר געדינט.
פאַרוואָס זיי געפייניקט מיט אייזערנע קאַמען?
פאַר וואָסערע, וועלכע זינד?

אָ, גאָט פון מיינע פרומע טאַטע־מאַמע,
אומגעבראַכטע אויף פיינלעכער עֲקֵדָה.
אויסגעראָטן זיי מיט די קינדער צוזאַמען
און אויך די אייניקלעך מיט באָבע־זיידע.

אָ, גאָט פון מיינע פרומע טאַטע־מאַמע,
אין זייער נויט פאַרוואָס האָסטו זיך באַהאַלטן?
ווען גאַנצע קהילות געברענט אין די פלאַמען,
פאַרוואָס האָסטו די ערד נישט געשפּאָלטן?

אָ, גאָט פון מיינע פרומע טאַטע־מאַמע,
זיי האָבן דיינע מצוות ערלעך געהיטן.
פאַרוואָס זיי געהאַלטן אונטער שטעכיקע צאַמען
און מיט צאָרן זייערע לעבנס פאַרשניטן?

אָ, גאָט פון מיינע פרומע טאַטע־מאַמע,
ווען מען האָט דיין יידיש פאָלק דערשאָסן,
פאַרוואָס האָסטו נישט אויפגעהויבן די יַמען
און די זינדיקע ערד מיט אַ מבול פאַרגאָסן?

איך בין מיט זיי

איך בין אומעטום מיט זיי,
מיט יעדן יידישן מאַרטירער.
זייער פּיין, אַנגסט און ווייַ
שטעכן מיין מוח, מיינע געהירן.

אומגעריכט געקומען טויט און סוף,
ווי אַ וויכער ווינט אין שטורעם!
גענאַרט אונדז האָבן זיי מיט בלאָף,
אונדזער טויט אַזוי אַרום געפּורעמט.

צונויפגעפּרעסטע עדות צוזאַמען,
געאָטעמט האָבן גאַזיקן טויט!
שלינג איך גאַזיקע פלאַמען
מיט יעדן ביסן פון מיין ברויט.

פון מאַמעס קליינע קינדער געריסן,
האָבן מערדער מיט בלוטיקע הענט.
געפּייניקט זיי, געשטיקט און צעריסן,
אויך לעבעדיקע האָבן זיי פאַרברענט.

געזען כ׳האָב די אויסגעליידיקטע שטיבער,
געקלאַפּט מיין קאָפּ כ׳האָב אין יעדער וואַנט.
טראָגט מיין קאָפּ איצט אַ הויכן פיבער,
און אייביק אין מיין האַרצן נעסט אַ בראַנד.

און כ׳ליג מיט זיי אין יעדן קבר,
מיט זיי דערשטיקט, מיט זיי דערשאָסן;
געוויינט אין פּיין איז מיין יעדער אבר,
מיין בלוט מיט זייערס צוזאַמען פאַרגאָסן.

מיינע שמחות אַנגעפילט מיט טרויער,
אין יעדן פייער זע איך קדושים פאַרברענט.
אַ פראַגע אין מיין קאָפּ שטענדיק בויערט:
ווי האָט אַ וועלט דאָס דערלאָזן געקענט?. . .

מיין שטעטל מאַציעוו

(פּאָעמע)

מאַציעוו, מיין היים, וואָס כ׳האָב פאַרלוירן,
איז צו מיר, ווי געוועזן, אין חלום געקומען.
די הילצערנע הייזער, די נידעריקע מויערן,
און די יידן, די פרייע און די פרומע.

יאַרידן, קראָמען, לאָקאַלן — אין חלום —
אַזוי ווי געוועזן, מיט זון און מיט שאָטן.
אין די שטיבלעך הויך זאָגן יידן תהילים,
די יידן, וואָס געלעבט מיט גאָטס צען געבאָטן.

אָט זע איך „פאַרשמייעט" אַלע באַקאַנטע,
און באַקאַנט געווען זיינען אַלע אין מאַציעוו,
די בעל־עגלות און די יידן באַהאַנטע,
דער קרעמער, שוסטער, שניידער און קצב.

די יונגע חלוצים אין די ענגע לאָקאַלן,
ווי אויך די הענדלער אויף גרויסע יאַרידן;
אפילו די לערנער פון תּלמודישע קוואַלן,
מישן זיך אויס מיט די פּראָסטע יידן.

מיט אַלץ ווערט געהאַנדלט, גאָרנישט גייט הפקר,
די פויערים צופרידן, געזונטע און זאַטע.
ס׳קויפט אָן די בהמות, בערל לעשניפקער,
און די „גייערס" מיט קליאַטשעס און שמאַטעס.

דער פויער פאַרלירט נישט דעם מינדסטן פּאָדעם,
אפילו האָר פון חזירים און פערדישע עקן;
ס׳האָט דער פויער פון גאָרנישט קיין שאָדן,
ס׳קויפט אַלץ דער „גייער", מיט טאָרבע און שטעקן.

אויך זע איך די קוזניעס ביים גרויסן „טאַנדייט״,
און דעם קאָוואַל מנשה, אַ ייד גאָר אַ ווונדער.
אַ שטאַרקער ייד איז ער, הויך און ברייט,
האָרעוועט כסדר אין זיין שוואַרצן „מונדיר״.

עס ברענגען פּריצים זייערע פערד,
פאַר נייע פּאָטקעוועס (פערדישע שיך).
וויל פערד נאָר האַלטן דעם פוס אויף דער ערד,
נאָר מנשה איז שטאַרקער פון פערד און איז גיך. . .

ווערט פערדישער פוס אין זיין האַנט געקלאַמערט,
די קלאָען מיט דער צווייטער פאַרגלייכט.
דערנאָך ווערט דער „שוך״ מיט נעגל פאַרהאַמערט,
און ס׳שמייכלט מנשה, ווי דאָס זאָל זיין לייכט. . .

און ס׳שעצט אויך דער פּריץ „מאָשקען״ זיין פריינד,
ווען נאָר אין שטעטל, איז ער „מאָשקעס״ גאַסט.
„מאָשקען״ האָט ער גערן, די אַנדערע פיינט, —
„די אַנדערע יידן — אַ צרה, אַ לאַסט!״

ס׳שאַפן אַלץ יידן מיט אַרבעט, מיט ווילן,
ווערט שעפּע דער מאָדערנסטער מילנער.
מאָטאָרן, נישט ווינט, דרייען די מילן,
דאַרף מען נישט וואַרטן, מען מאָלט ווען מ׳וויל נאָר.

קומען די פויערים פון נאָענט און ווייט,
מיט תבואה אָנגעלאָדענע פורן.
צופרידענע, מען פאַרלירט נישט קיין צייט,
שעהען און טעג קאָן מען דאָ שפּאָרן.

צופרידן גאָר מיט יידישן אויפטו,
זיי שמייכלען צום ייד מיט חניפה.
ס׳איז טייער דעם פויער יעדע שעה,
„מאָלאָדיעץ״ — שעפּען זיי רופן. . .

די קרעמער גרייטן צו קליידונג און שיך,
און שטיוול — די שוסטער און גאַרבער.
דער פויער צופרידן, אַלץ האָט ער גיך;
אַ שינדלער, טעסלער, סטאָליאַר און פאַרבער.

נאָר פלוצעם דערזע איך אַ בייזע שלאַנג,
אויפן צונג דעם סם פאַר יידן געבראַכט.
די יידן פאַרקלעמט אין דער געטאָ מיט צוואַנג,
עס ווערט די פרייהייט פאַר זיי פאַרמאַכט.

כ׳זע, ווי ס׳בוקט זיך דער פויער צום שלאַנג,
די שלאַנג זעט ווי היטלער אויס אין גאַנצן.
גייט פויער נאָך בלינד דעם מערדער גאַנג,
מיט דער שלאַנג גייט ער שוין טאַנצן.

דער ווילדער טאַנץ האָט מיך צוריקגעבראַכט
צו די כמאַרעס אויפן הימל דעם שוואַרצן,
וואָס יאָגן פון מאַציעוו אין דער וויסטער נאַכט
און שפרייטן זיך אויס אויף מיין האַרצן.

די חושך וואָלקנס ציען אָן ברעג
און גרייכן צו מיר דורכן פענצטער.
פרעג איך: וועלן נאָך קומען ליכטיקע טעג
און פאַרטרייבן די שוואַרצע געשפענסטער?

הייליק אָרט

איבער יַמען, אין די ווייטן,
דאָרטן איז מיין שטעטעלע;
אַווו אין מיינע קינדער־צייטן
געשטאַנען איז מיין בעטעלע.

דורך אַלע מיינע טרויער־טעג,
זע איך דאָרט, פון שטיבער,
ווי יידן ווערן אויפן וועג
געטריבן צו די גריבער.

ביינאַכט קומט פון דאָרט
אַ לבנה, אַ פאַרגאָסענע
מיט בלוט פון שטעטל, הייליק אָרט,
וווּ ס'ליגט אַן עדה, אַ דערשאָסענע.

און כאָטש ווייט אַוועק פון אויגן,
איז נאָענט דאָרט מיר יעדער שטיין.
כאָטש פיל יאָרן שוין פאַרפלויגן,
אַוועק געטראָגן מיין געביין,

ליגט מיין האַרץ מיט זיי צוזאַמען,
אין צעזייטע גריבער דאָרט;
מיט מיין טאַטן, מיט מיין מאַמען,
אין מיין שטעטל, הייליק אָרט!

אין לעצטן וועג

געצייכנט פון הערש אינגער

דאָס איינציקע (פון ציקל „אָשוויענטשים")
קינסטלער זינאָווי טאָלקאַטשאָוו

קִדוּש הַשֶם

(לזכרון דעם מאַציעווער רָב, ר׳ יוסף לאַשטשיווער,
און אַ טייל פון דער עדה, אומגעבראַכט ז׳ תמוז, תש״א — 1941)

ס׳שטייט אונטערן שטעטל
אַן אַלטער מאָנאַסטיר.
לעבן אים מאַסן קברים,
גרויסע גריבער פיר.

אין זיי ליגן טאַטע־מאַמע,
קינדער, באָבע און זיידע,
דערשאָסן האָבן דייטשן דאָרט,
אַ טייל פון דער עדה!

דער גאָר ערשטער קרבן
געווען איז דער רָב.
אַ באַגלויבטער אין גאָט
ביזן ביטערן סוף!

געוואָרן געשלאָגן,
געחוזקט, געשפּאָט,
געצווונגען אים זאָגן:
„נישטאָ איז קיין גאָט!״

„ער איז דאָ!״ —
מיט שטאָלץ ער באַשטייט.
כּעסן זיך מערדער —
אים שלאָגן פאַרן „חטא״.

שטייט עדה פאַרציטערט,
אין צער פאַרקלעמט די האַנט.
לאַכן מערדער און העכער נאָך
לאַכט דער קאָמאַנדאַנט.

חוזקט מיט געלעכטער,
שרייט מיט פרעכן שפּאָט:
„דאָנערוועטער, יודן פרעכע,
ווו איז אייער גאָט?"

שיסט אַריין אין רב אַ קויל.
רב שרייט: „שמע ישראל!"
טראָגט זיך זיין געשריי
איבער באַרג און טאָל.

נאָכן רב גייט די עדה
צום גרוב ווי אין אַ קלעם.
ווי דער רב שטאַרבט אַיעדער
— קדושים אויף קדוש השם!

אַ שטאָלצע שוועסטער

(אין אָנדענק פון קיטי קאַרצענעל, אַ יידיש מיידל
אַליין זיך אומגעבראַכט אין מאַציעוו, אין 1942)

ווען איבער הייזער יידישע
לויפן מערדער מאַסן,
זוכן יידן אומעטום צו טויטן.
צוזאַמען אָרעמע און נגידישע,
מתים ליגן אויף די גאַסן,
אויף די וועגן, ביי די פּלויטן.

מיט „ליבע" צו אַ יידיש מיידל,
צו אונדזער קיטי קאַרצענעל,
קומט דער געסטאַפּאָ קאָמאַנדאַנט.
זאָגט: איך האָב פאַר דיר
פאַרגרייט אַ שיינע צעל,
וווּ דיין לעבן וועט זיין „קראַנט".

צעקלינגט די שיינע מיט געלעכטער,
פול מיט שטאָלץ, וויי און פּיין.
אַ זשילעטקע אין האַנט דער רעכטער
שניידט אין לינקער האַנט אַריין. . .

טונקט אַ פעדער אין בלוט דער קרבן,
שרייבט אַליין אין גסיסה בראַנד:
„בעסער אָט אַזוי צו שטאַרבן,
איידער לעבן מיט אַזאַ שאַנד!"

שבתדיקע לייכטער

אין מיין אָרעם שטעטל,
אין וואָלין, אוקראַינע,
פלעגן ליכט אין לייכטער
פון די שטובן שיינען.

יום־טוב, פרייטיק נאַכט,
האָבן געפינקלט ליכט.
געבענטשט דורך מאַמעס הענט,
מיט שמייכלדיק געזיכט.

חרוב איז מיין שטעטל
געוואָרן מיט אַ מאָל!
אומגעבראַכט די יידן,
פאַרשטומט דאָס יידיש קול!

די דייטשן און אוקראַינער
האָבן אַלע אויסגעקוילעט.
פון טייערע הייזער יידישע
געבליבן ווענט נאָר הוילע.

צערויבט דאָס „האָב־און־גוטס״
פון די יידישע שטיבער.
דער זכר פון די יידן
זיינען מאַסן קברים־גריבער.

פון די „שמוציקע״ יידן
„ריין״ געמאַכט די שטאָט.
דאָס אָרעמע פאַרמעגן
„קאָנפיסקירט״ מען האָט.

אין „פּערפעקטער‟ אָרדענונג
אַלץ דאָרט צעראַבירט.
„אויסגערוימט‟ די שטיבער,
און אַ חשבון געפירט.

די שבת־לייכטער אויסגעלייגט
אויפן מיטן מאַרק,
ביים „ריקצוג‟ האָבן מערדער
געלאָזן אָט דעם באַרג.

פאַלט אַ רעגן פון די וואָלקנס,
די לייכטער נאַסע ווערן;
ס׳איז מסתמא נישט קיין רעגן,
נאָר מאַמעס הייסע טרערן. . .



ס׳ווייִנט אויף דער וואַלד

דאָמבעס, סאָסנעס, בעריאָזן,
הויכע ביימער, גראָב און אַלט,
סודותדיק דער ווינט טוט בלאָזן,
אין אַ טרויער געהילט דער וואַלד.

כאָטש וועוויריקעס שפּרינגען אומעטום
און פֿייגל פֿלאַטערן און רוישן.
דאָך אומעט שטאַרקער הענגט אַרום,
אַפֿילו אין נעסטן געפֿלאָכטן ווי קוישן.

דער ווייטיק, דוכט זיך, האָט פֿליגל.
ער קלאָגט דורכן שופֿר־האָרן.
אַ בוים טוט באַוויינען אַ וויגל,
וואָס איז דאָ פֿאַריתומט געוואָרן.

עלטערן האָבן דאָ קינדער פֿאַרלוירן,
נישט דערלעבט צו ווערן מיט נחת באַגליקט.
אוקראַינער מערדער, אין רוצחישן צאָרן,
האָבן די עופּעלעך גרויזאַם דערשטיקט.

קבֿרים דאָ פֿאַר יידן אָן לוויות,
דער טייוול אין וואַלד לאַכט און לאַכט.
אוקראַינער, ווי ווילדע חיות,
האָבן אַ בית־עולם פֿאַר יידן דאָ געמאַכט.

דורך ביימער, ווי לייוונט מיט לאַטעס,
דער פֿאַרטאָג, טרויעריק ער גרויט.
דאָ האָבן יידישע מאַמעס און טאַטעס
באַוויינט זייערע קינדערס גרויזאַמען טויט.

די טרערן זיי ווערן נישט טרוקן,
זיי מערן זיך אָן צאָל און מערן,
ווער קאָן אַזאַ צער דען דערשטיקן?
ווער קאָן דען פאַרהאַלטן די טרערן?

אינעם וואַלדיקן געררויש זיך טראָגן
אויף אייביק די קרעכצן און אויען.
ווי די יידן, די ביימער, זיי קלאָגן,
אַזוי וועלן זיי אייביק שוין וויען. . .

אַ יידישע פרוי זאָגט קדיש אין וואַלד
געצייכנט פון הערש אינגער

מ ל א כ י ם

(פֿאָעמע געווידמעט די צדיקי אומות העולם)

נאָך אַלס קינד האָב איך געוווּנדערט:
ווי זעט אויס אַ גוטער מלאך?
איז ער ווי אַ פֿאַקל אָנגעצונדן?
איר ער רויט, צי ווייס ווי קאַלך?...

העלפֿט ער מענטשן אין דער נאַכט?
צי כאַפּט ער ווען אַ דרימל?
און אפשר ווי אַ שומר וואַכט,
און פֿליט צווישן ערד און הימל?

נאָר ווען אונדז איז שלעכט געוואָרן,
פֿאַר יידן חושך די אַרומען.
אַן ענטפֿער כ׳האָב געהאַט אַ קלאָרן,
ווען מ׳איז צו „מלאכים״ אָנגעקומען.

ווי גרויסע הונגעריקע טשאַטעס וועלף,
זיינען דייטשן, אוקראַינער באַפֿאַלן יידן.
די דייטשן פֿון דער אוקראַינישער הילף
זיינען שטאַרק געווען צופֿרידן.

ראַבירן, מאָרדן, מיט האַס באַצאָלט;
אַ יידן־פֿריינד געווען צו שפּאָט.
ווער יידן ראַטעווען האָט געוואָלט,
מיט זיין לעבן איז געווען באַדראָט!

ווען ווי מיסט געיאָגט פֿון ווינט,
געווען הפקר יידיש בלוט.
האָבן „מלאכים״ שטיל, געשווינד,
באַוויזן גבורה, באַוויזן מוט.

אויפֿן חורבן געלאָזט אַ קלאָג,
שטיל געקעמפֿט קעגן שלעכטס,
ווי סאָלדאַט געוואַכט ביי טאָג,
נישט געשלאָפֿן גאַנצע נעכט.

ווי אָדלער הויך, די אויגן אָפֿן,
געזען גאָר אַן אַנדער וועלט,
באַהאַלטן אונדז, געגעבן האָפֿן,
אייגן לעבן איינגעשטעלט.

אינעם אומגליק, אונדזער גרעסטער,
באַהאַלטן יידן פֿונעם טויט;
ווי ברידער אייגענע און שוועסטער
געטיילט זיך מיט אַ שטיקל ברויט.

ווייניק זיינען זיי געווען,
מיט מענטשלעך ווירדיקן געפֿיל.
דאָך מיט זייער גאַנצן וועזן,
געהאָלפֿן יידן אין דער שטיל.

ביינאַכט רויק נישט געשלאָפֿן,
בייטאָג אויך נישט געוואַגט קיין דרימל.
געוואַרעמט מיט אַ וואָרט פֿון האָפֿן,
ווי מלאכים פֿונעם הימל.

באַהאַלטן אונדז אין הויכע סטויגן
האָבן אונדז די גוטע רעטער.
מיט פֿאַרווײנטע, פֿייכטע אויגן
האָבן מיר זיי פֿאַרגעטערט.

ווען ס׳האָבן מערדער פֿון אייראָפּע,
מיט יידיש בלוט געווייקט די ערד;
מיט ווילד־חיהשן האָפֿען,
יידישע לעבנס געשניטן מיט שווערד.

איז ייד געלאָפן פון צעשמעטער,
מיט שמע ישראל אויפן צונג;
איז ווער דערלאָפן צו די רעטער,
געזען האָט ער פון גאָט אַ פונק.

ווען שלעכט געוועזן איז דאָס לעבן,
פינצטער, ביטערער פון גאַל.
האָבן זיי אונדז נעסט געגעבן
אין סטויגן, בונקער, צי אין שטאַל.

שטיל געוועדט אין מיטן נאַכט
צו אונדז, די רעטער אין דער נעסט;
אונדז געהיטן און באַוואַכט,
ווי אייגן בלוט, ווי ליבע געסט.

פאַרזיכטיק, מיט יעדן טראָט,
אונדז געבעטן אָנגיין, שטרעבן.
ווען „יודן־ריין" געוועזן די שטאָט,
ביי זיי פולסירט האָט יידיש לעבן.

טראַכט איך שטענדיק וועגן זיי,
דורך גאַנצע מעת־לעתן.
בעט איך, קינדער, איך באַשטיי,
איר זאָלט זיי נישט פאַרגעסן.

דערמאָנען מיט אַכט זאָל אַיעדער,
אַ העלדן־כּבוד זיי שענקען;
אויף קומענדיקע דורות כּסדר,
ווי מלאכים זיי געדענקען.

די יאָרן נאָכן חורבן. . .

מיינע חלומות

(פּאָעמע)

א.

איך פיל די קדושים מאָנען:
„קיינמאָל אונדז זאָלט איר פאַרגעסן".
מיט כבוד וועל איך זיי דערמאָנען
דורך אַלע מיינע מעת־לעתן.

אין מיין דמיון זע איך זיי בייטאָג,
איך זע זיי אין חלום ביינאַכט,
ווען איבערבייטן כ'וויל מיין קלאָג,
חלומט זיך מיר, וואָס כ'טראַכט.

כ'טראַכט אַ מאָל, ווי גוט וואָלט זיין,
ווען אַ חלום וואָלט געווען די גרויל.
ס'וואָלט געענדיקט זיך מיין פּיין,
געזונגען פריילעך וואָלט מיין מויל.

און זינגען, גלייך מיך דערמאָנט
אין די יידן אַלע — אַלטע, יונגע —
אַלע, וואָס איך האָב געקאָנט,
האָבן ליב געהאַט צו זינגען.

קומען מיר חלומות אין די נעכט,
במשך אַלע פיר סעזאָנען.
מיט געזאַנג, אין חלום געפלעכט,
לויטן קול זיי אַלעמען צו דערקאָנען.

הער איך אין חלום זייער זיסן קול,
ס'געזאַנג פון שטעטל מישט זיך צונויף.
לויף איך אַהין דורך באַרג און טאָל,
ווי אַ הירש אין ווילדן געלויף.

ווען איך קום אין שטעטל דאָרט,
דורך די פענצטער פון די דירות
און פון יעדן איינעם אָרט,
הער איך זינגען שיינע זמירות.

כ'זע דעם היימיש אַלטן פּלויט,
אין דער שטוב אַ קינדער־בעטל,
אָרעמע יידן וווינען דאָרט,
דאָך זינגען זיי מיטן שטעטל.

ס'איז נייער פרילינג; טשאַטעס
פייגל נידערן פון הויכן
צו פעלדער, ווי שוואַרצע לאַטעס,
מיט געזאַנג זיי טויכן.

קלינגט די לופט מיט זייער טרילינג,
באַגלייט זיי אויך אַ „גין גאָן״.
טירן אָפן, נייער פרילינג,
די שמידן האַמערן אויס אַ טאָן.

מיט דעם שטעטל, ווייט מען הערט,
פון קוזניעס זינגען מיט די שמידן.
דאָס געזאַנג אַלץ העכער ווערט —
עס זינגען לידער אַלע יידן.

מיט די לידער קלינגט דאָס שטאָל,
ס'טרילן פייגל אויפן פלויט;
לעב איך איבער דעם „אַמאָל״
און פאַרגעס אין זייער טויט.

ב.

אין צווייטן חלום איז זומער דאָרט.
בלומען רייפן, פעלדער יוירן.
מיט גרין באַוואַקסן יעדעס אָרט,
און די ביימער פרוכט געבוירן.

ווי איינגעטונקען קאָפּ אין שווייס,
זיצט אין דרויסן אונדזער שכן,
שניידט ער העלצער צו מיט פלייס,
ווי די מאַמע שניידט אַ קוכן.

און מיט אַ שטימע, מילדער, ווייכער,
אַ תהילים ניגונדל ער טוט אַ ברום.
זאָגט תהילים אפילו ווען ער בויערט לעכער;
דער סטעלמאַך איז דאָך זייער פרום.

כ׳האָב אין גאַנצן גאָר פאַרגעסן,
דורך דער זיסער חלום־שעה,
אַז ווו דער סטעלמאַך איז געזעסן,
איז קיין ייד דאָרט מער נישטאָ!

ג.

אין דריטן חלום איז שוין אָסיען.
זע איך יידן גיין אויף וועגן.
יעדער וועג, ווי טייך פאַרגאָסן,
טאָפּטשען יידן אינעם רעגן.

ווו איך גיב מיין אויג אַ וואָרף,
גייען פאַכלייט צו באַדינען
די פויערן — פון דאָרף צו דאָרף,
אַבי אַ שטיקל ברויט פאַרדינען.

מיט געצייג אויף דער פלייצע,
אין געפייף און בלאָז פון ווינט,
האָט דען ייד אַן אַנדער עצה?
מ׳דאַרף באַשפּייזן ווייב און קינד.

אַליין איך וויל נישט ווערן נאַס,
צום בית־מדרש כ׳טו אַ שפּרונג.
לערנען יידן דאָרטן ש״ס,
און תורה לערנען אַלט און יונג.

פאַרגעסן כ׳האָב אין חלום־נאַכט,
אַז די לערנער און די פאַך־הענט
זיינען לאַנג שוין אומגעבראַכט,
אויסגעשאָסן און פאַרברענט.

ד.

דער פערטער חלום, אַן אַנדער מוסטער:
איך זע דאָס שטעטל באַדעקט מיט שניי.
אין שטוב אַ שניידער אָדער שוסטער,
ביי דער אַרבעט זינגען זיי.

איינער פרעסט, איינער האַמערט,
און זיי זינגען צו אַ ליד.
אַ שוך אין קאָפּעטע פאַרקלאַמערט
און דאָס פרעסל קאָכט און זידט.

די ווייבער חוזקן פון מענער:
„ס׳קלינגט ווי אַ פּורים גראַגער״. . .
די מענער טענהן: „אָט די טענער
זיינען גאָר פון לעצטן שלאַגער״. . .

פראָסט איז שטאַרק, די שטוב איז קאַלט,
ליגן קינדערלעך אין בעט.
דאָס גרויסע הויז איז זייער אַלט,
נאָר די אָרעמקייט איז „פאַרדעקט”. . .

פאַרגעסן: אַ חלום איז דער שניי און פראָסט,
און ליידיק איז דאָס אַלטע הויז.
ס'האָבן מערדער זיך צעלאָזט,
געשלעפּט יידן פון דאָרט אַרויס!

פאַרשלעפּט זיי צו די ליים־גריבער,
און דאָרטן יידיש בלוט פאַרגאָסן.
מענער, פרויען און קינדער ליבע,
אַלעמען דאָרט אויסגעשאָסן!

— — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז נאָר אַ חלום מיר פאַרבליבן,
אין האַרץ דער ווייטיק איינגעגעסן.
פרעגט מיין נשמה, די טריבע:
צי קאָן דאָס ווער אַ מאָל פאַרגעסן?

איך פֿאַרלאָז דיך, אוקראַינע

(סאָנאַטע)

יעדער בוים, וואָס כ׳האָב געפּלאַנצט, איז מיין עדות,
ווי ליב געהאַט, אוקראַינע, כ׳האָב דיין ערד.
ווו מיינע טאַטע־מאַמע, מיינע זיידעס,
האָבן אויף איר אַזוי געאַרבעט שווער.

כ׳האָב ליב געהאַט דיין גרינעםברייטן סטעפּ;
ווען דיין זון גייט אויף און ווען זי נידערט.
דיינע וועלדער מיט די הויכע סאָסנע קעפּ,
די דאָרפישע פאַרנאַכטן, אָנגעפּילט מיט לידער.

איצט פאַרלאָז איך דיין מיט בלוט־אָנגעזאַפּטער ערד,
נישט צו קומען צוריק, כ׳האָב זיך באַשווערט.
אַ קללה איך שיק דיר, דאָס אַלטע לאַנד מיינע:

פאַר יעדן יידיש טראָפּן בלוט, פאַר יעדער טרער,
באַצאָלן זאָלסטו, ס׳איז מיין איינציקער באַגער,
מיט בלוט באַצאָלן זאָלסטו נאָך, אוקראַינע!

פערענוואלד 1946

אַ ייד אין דער אוקראַינע
געצייכנט פון זינאָווי טאָלקאַטשאָוו



צו די שטערן

קינסטלער סטאַסיס קראַסאָוסקאַס

צו די שטערן

וויינען ווילט זיך, די פויסטן קלעמען,
נאָר די אויגן האָבן מער קיין טרערן.
אויף דער ערד איז נישטאָ פאַר וועמען,
וויינט מיין האַרץ צו די הויכע שטערן.

איך וויל רעדן, שרייען און דערציילן,
ווילן מענטשן מיך נישט הערן.
ווער וויל דען „יענעמס״ ליידן טיילן?
רעד איך צו די הויכע שטערן.

אפשר בין איך מענטשן גאָר דערעסן,
מיט מיין אומעט און פאַרצערן?
מענטשן ווילן דאָ דעם חורבן פאַרגעסן,
געדענקן וועלן אפשר די הויכע שטערן?

ביזן לעצטן אָטעם וועט מיין האַרץ באַוויינען,
קיינער קאָן מיר נישט פאַרשטערן.
נאָר געראַטעוועטע ווייסן מיינע פיינען
און אפשר אויך די הויכע שטערן?

דורך נעכט געוואַנדערט, אין נויט און קימער,
דוכט מיר, אַז נאָר זיי זעען מיך און הערן,
מיט זייער פינקל־שיינענדיקן שימער,
ווינקען אַראָפּ די הויכע שטערן.

זיי זיינען עדות פון אונדזער וואַנדער־גיי.
אונדזערע סודות קיינער זאָל נישט הערן.
אַ שטערנדיקע נאַכט דערמאָנט אויף דאָס ניי,
אַז געהאָלפן האָט דאָס ליכט פון שטערן.

אין די נעכט געווען אונדזערע פירער,
דורך פעלדער, ראָוועס און וואַלדיקע פאַרקערן.
טראַכט איך: אפשר זיינען נשמות פון מאַרטירער
פאַרוואַנדלט אין פינקל־שיין פון שטערן. . .

גיב מיר אַ טרוים

אָ, רעגנדיקע נאַכט, גיב מיר אַ טרוים,
אַ וויזיע פון אַ צעוואַקסענעם בוים.
אַ חלום פון שטעטל, וואָס ס׳איז מיר אייגן,
מיט ליבסטע אַ סך, צעוואַקסן ווי צווייגן.

מאַך מיך פאַרגעסן, וואָס פון מיר איז געוואָרן,
מיין האַרץ איז פול מיט צַעַר און צאָרן.
נאַכט, אין אָרעמס ווי אַ מאַמע מיך טוליע,
ווען נאָך אַלס קינד מיט קינדער איך הוליע.

ווען דאָס הויזגעזינד איז געווען צוזאַמען,
מיט ליבשאַפט געהיטן מיך האָבן טאַטע־מאַמע.
און ברידער, וואָס שפילן אין פוטבאָל און לאַכן,
איך קאָפּע אַ פילקע, כדי זיי נאָכמאַכן. . .

און פעטערס מיט בערד, מומעס גאָר פרומע;
מיר קומען נאָך „שבת־אויפס״ צו אַ מומען.
זי גיט דעם קינד אַן עפל, אַ צוקערקע,
און דערציילט פון איר טאָכטער אין אַמעריקע.

אַן אַנדערע מומע טיילט אויך גוטע זאַכן,
מיר קוועלן, ס׳איז היימלעך, אַלע דאָ לאַכן.
ס׳לאַכן די ביימער, דער הימל, די שטיבער —
ס׳אַ ליכטיקער שבת, אַ שיינער, אַ ליבער.

די קוזינען, זיי רעדן און דערציילן בסדר
וועגן „שפּיצלעך״, וואָס זיי טוען אָפּ אין חדר:
„ווען דער רבי געכאַפּט אַ דרימל אויף אַ רגע,
מיר האָבן זיין באָרד צום טיש צוגענעגלט״...

זיי האָבן אויך דעם רבינס קאַנטשיק באַהאַלטן
און דערצאָרנט דעם מלמד, דעם אַלטן.
איך בין זיי מקנא, די גרויסע שוין יינגען,
און לאַך פון די שפּיצלעך, וואָס איז זיי געלונגען. . .

און ניט בלויז שבת, ס׳איז אויך גוט אין דער וואָכן,
טאַטע־מאַמע טראָגן מיט ליבשאַפט די יאָכן —
צו מאַכן דאָס לעבן שענער און לינדער
פאַר אונדז, דריי בחורים, זייערע קינדער.

נישטאָ שוין זיי אַלע, שוין לאַנג אויסגעראָטן
דורך רויבן און מאָרדן, ברענען און בראָטן.
און זעט נאָר, וואָס פון מיר איז געוואָרן:
אַ ייד אָנגעפילט מיט צַער און צאָרן.

איך זע זיי אין דמיון, בייטאָג און ביינאַכט,
ווי איך זאָל, ווי אַ זעלנער, שטיין אויף דער וואַך
ביי אָפּגעהאַקטע לעבנס, ווי ביי אַן אָפּגעהאַקטן בוים.
בעט איך פאַר אַ וויזיע, פאַר אַ גוטן טרוים.

מיינע טרוימען זיינען אַוועק

מיינע שיינע יוגנטלעכע טרוימען,
זיינען ווייט פון מיר אַוועק.
צעריסן ליגן זיי אויף שטעכל צוימען;
צו מיינע טרוימען געקומען איז אַן עק!

זיי האָבן זיך באַהאָפטן מיטן ווייטיק
פון קינדער, עלטערן, באָבעס און זיידעס.
גרויליק פאַרשניטענע פריצייטיק,
אומגעבראַכטע מיט גאַנצע עדות!

מידע, מיט מאַרטירער אין לעצטן גאַנג
זיינען זיי אין פיין מיטגעגאַנגען.
מיט די קדושימס לעצטן איכה־געזאַנג
און מיט זייער „שמע ישׂראל" אויסגעגאַנגען!

ווי עס בלייבט ליגן אַן אַלטער לאַמטערן,
פאַרזשאַווערט אין קעלער מיט שטויב געדיכט,
ליגן מיינע טרוימען ווי טויטע שטערן
אויסגעלאָשן. אָן אַ טרוים בין איך!

פון גריבער קאָנען טרוימען זיך נישט קערן;
אָן אַ טרוים איז אין האַרצן קאַלט.
אָן אַ טרוים איז טרויעריק מיין קלערן,
אָן אַ טרוים איז מיין גאַנץ געשטאַלט!

די טרוימען קאָנען מער צו מיר נישט קומען,
מוז איך גיין אויפן וועג אַנטקעגן זיי.
אויסגעגאַנגען אין די קברימדיקע תהומען
מיטן לעצטן „שמע ישׂראל" אויסגעשריי!

שמע ישׂראל

פּאָעטן זינגען וועגן שטערן,
וועגן פּראַכט פון דער נאַכט.
און איך וואַרט, אַז טאָג זאָל ווערן,
די וועלט זאָל ווערן אויפגעוואַכט.

אייניקע זינגען וועגן יַמען,
וועגן כוואַליעס, מעכטיק, גרויס.
און איך זע נאָר שטעכל־צאַמען,
אין דער געטאָ כ׳זע מיין הויז.

אייניקע זינגען וועגן זון־שיין,
וועגן ליכטיקייט פון שטראַלן.
און איך זע נאָר שרעק און פּיין
אין אַ וועלט, וואָס איז געפאַלן.

ווי דער מענטש אין אייגן פּלאָנטער,
ווייסט נישט צווישן שלעכט און גוט.
ער ווערט ווי חיה אַ דערקאָנטער,
וואָס זעטיקט זיך מיט טויט און בלוט.

ווי זשע קאָן איך זינגען גאָר
וועגן יַמען, שטערן אָן אַ צאָל?
אַז די אויערן מיינע הערן נאָר
לעצטע קולות: ש מ ע י ש ר א ל !



דער צוואָנציקסטער יאָרהונדערט

דער צוואָנציקסטער יאָרהונדערט
האָט אַלעמען פאַרוווּנדערט.
היטלער אַדאָלף, סטאַלין יאָסעף
האָבן מענטשן, ווי היי געקאָסעט!

די טיראַנען געוואָרן שנעל ווי געטער,
ביי זייערע „מאַסן‟ געוואָרן רעטער:
„קיין בעסערע נישט פאַראַנען,
נאָר נאָך זיי דאַרפן מיר שפאַנען!‟

די טיראַנען האָבן טויט געשפּינען,
מיט גאָלע ליגנס די מאַכט געוווּנען.
מיט ליגנס גערייצט צו האַסן
פעלקער קעגן פעלקער און ראַסן!

ווען היטלערישע ברוינע האָרדעס
האָבן מיט רציחה געמאָרדעט
קינדער יידישע אין די וויגן,
האָט די גאַנצע וועלט געשוויגן!

ווען סטאַלין האָט געוואָרפן קויט
אויף יידישקייט, און טויט
באַשטימט פאַר יידישע פּאָעטן,
האָבן דאָס געלויבט סאָוועטישע גאַזעטן.

ווען היטלער האָט יידן געברענט
צווישן שטיינערנע קרעמאַטאָריע ווענט
און ווי מיסט דאָס אַש צעשפּרייט
איבער פעלדער, ווייט און ברייט,

איז נישט נאָר פון יידישן געביין,
וואָס פאַרלאָזט געוועז אַליין,
יאָגט דער ווינט אַרום דאָס אַש
און דאָס בלוט דער רעגן וואַשט,

נאָר עס ליגט די גאַנצע וועלט,
כאָטש מאַסקירט און פאַרשטעלט,
אין דער גאַז־קאַמער פאַרקלעמט —
שטאַרק צעבראָכן און פאַרשעמט!

אין אַש נישט נאָר די יידן־נאַציע,
נאָר די גאַנצע ציוויליזאַציע
פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט
ליגט דאָרט בלוטיק פאַרוווּנדעט!...

אַ קינד געיִידישט

(סאָנאַטע — פאַר חיימקען)

ס'האָט אין בייערן אַ ייִד געייִדישט דאָרט זיין קינד,
אויף פרשת־דרכים, היימלאָז, אָן אַן אייגן העמד;
פון זיין היים פאַריאָגט, ווי שטרוי פון בייזן ווינט,
מישט זיך דער טרויער מיט דער פרייד אין דער פרעמד.

אונטערוועגנס, אַ ייִד זיין קינד איצטער ייִדישט,
ווערט ביי אים דער טרויער מיט נחת באַגליקט.
דאָס ניי־געבוירענע, ווי אַ נֵס, איז אַ חידוש,
אָבער צַעַר און ווייטיק, ווי אַ שווערע משׂא דריקט.

די אויגן פייכט; אַ טרער אויף זיין פנים רינט.
אַ טרער פון צער, אַ טרער פון ליבשאַפט צום קינד,
וואָס צו זיין אַ שטאָלצער ייִד ווערט געבענטשט;

געבענטשט אין בלוט — נאָך אַזויפיל בלוט —
אַ גוטער ייִד, אַ ייִד מיט האָפענונג און מוט,
אַ ייִד מיט גלויבן אין דער גוטסקייט פונעם מענטש. . .

(געשריבן אין פערענוואַלד, נאָוו. 1, 1945)

נייע בלימלעך

(געווידמעט די קינדערלעך פון דער שארית הפליטה)

אייגעלעך פינקלען
אויף פנימלעך פאַרזאָרגטע,
בליקן פאַרבענקטע, פאַרצערטע,
דאָך בליען זיי און וואַקסן
פאַרשפּאַרטע אין גאָרטן,
חנעוודיקע און צאַרטע. . .

קעלטן נאָך און פרעסט אין דרויסן,
דאָך בלימעלעך מערן זיך און גרויסן.

פרעגט אַ פרעמדער,
וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען:
„ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?...
און זאָגט מיר פון וואַנען?“

איז זאָל ער וויסן, אַז שטאַרקער פון פלאַם
איז די יניקה פון אייביקן שטאַם!...

וואַקסן זיי, ווערט רייף דער גאָרטן,
נישט פון רעגן, נישט פון טוי,
נאָר פון פאַרבענקטע טרערן. . .
ווען בלימעלעך נאָך בליען דאָרטן,
ווו זייער בלי אין ווייס און בלוי,
וועט קיינער מער נישט שטערן. . .

(געשריבן אין פערענוואַלד, 1945)

פרייטיק צו נאַכט

(פון מיין טאָג־בוך אין פּערענוואַלד)

אַ טאָג פאַרגייט ווי אַלע מאָל, אַ פּראָסטער.
ס'האָט קיינער נישט געפּאָרעט זיך ביים קאָכן.
שטייט דער טיש אַ נאַקעטער, פאַרלאָזטער.
עס שמעקט נישט שבתדיק, נאָר ווי אין דער וואָכן.

ס'זינגט דאָ קיינער נישט דעם „כל מקדש״,
דער שבת קודש ניגון איז נאָך אַלץ שטום!
ס'זאָגט נישט קיינער צו קיינעם:„תתחדש״,
קיין קלאַנג פון פריילעכקייט נישטאָ אַרום. . .

ס'לייכטן נישט קיין שבתדיקע לייכטער,
קיין אויסגעשייערט, אויסגעפּוצט געשיר.
נאָר דער „ווילגאָשטש״ פון דער וואַנט, דער פּייכטער,
גלאַנצט אַראָפּ ווי אַן אָפּענער געשוויר.

ס'קומט נישט קיינער זאָגן „אַ גוט שבת״,
ס'צאַנקט אַ ליכטל, פאַלן שאָטנס אויף ווענט.
נישטאָ קיין פרומע, נישטאָ קיין „דראַבעס״,
ס'ליגט דער שבת מיט דער וואָך פאַרברענט!

אַמאָל איז געווען. . .

מיין טרויעריק ליד

אייביק שוין, ווי אַ שווערער שטיין,
וועט דריקן מיין האַרץ און מיין ליד.
דער אומעט, גרויליק, ווי שאַקאַלן־געוויין,
פוסט ווי פעלדער נאָכן שניט.

קומט אָן מיין ליד מיט די בלעטער־פאַלן,
מיט דעם שוואַרצן כמאַרנעם טאָג.
ווען די זון באַהאַלט אירע שטראַלן
און ווען דער הימל וויינט און קלאָגט.

מיט אייביקער בענקשאַפט פול איז מיין ליד.
מיינע ניגונים אויסגעווייקט אין טרויער.
ווי זשע אַנדערש זינגען קאָן אַ ייד,
וואָס איז אַדורך דעם גרויליקן טויטן־טויער?...



אַ תפילה אַזאַ

פון שארית הפליטה —
אַ ייד אין צַעַר,
שיקט אַזאַ תפילה
צום בורא, דעם האַר:

גאָט, הער און פאַרנעם
מיין האַרציק געבעט;
ווען תשובה צו טון
איז פאַר דער וועלט שוין שפּעט...

פון זיבעטן טאָג
הייב אָן אויף צוריק;
צעשטער יעדן וועג,
צעברעך יעדע בריק!

מאַך אויס פון דער וועלט,
און אויס פונעם הימל;
מאַך אַ תוהו ובוהו —
פאַרדעק עס מיט שימל!

אויב שלאָגן מען מוז,
איז **אַלץ** שוין צעשלאָג;
זאָל זיין ווי געווען
פאַר בראשית דער טאָג!...

צו מדינת ישׂראל. . .

נישטאָ קיין ברירה

דורך קאַמפּן ביז גאָר,
מאַרשירט אונדזער דור,
צו אַ נייעם לעבן מיר שפּאַנען.
פון דער נעכטיקער שרעק
מיר זיינען אַוועק,
נאָר ס׳וועט אונדז אייביק דערמאָנען.

קיינער וועט רעכט אונדז נישט געבן,
שפּאַנען אַליין מיר צו אַ ניי לעבן,
אַליין, מען מוז גיין אָט אַזוי;
מיט ביקס און מיט אַקער,
מיט אייגענעם פלאַקער,
„כי שוכן עם לבדו!״

דורך בלוט און טרערן
געלערנט זיך ווערן,
כוח מוז זיין די לערע;
קיינעם נישט געטרויען,
אַליין קעמפן און בויען,
אונדזער דור האָט קיין אַנדערע ברירה!

דער פּרוכטבאַרער בוים

(אַ מָשל)

אין ווילדן וואַלד איז געשטאַנען אַ בוים,
אַ פּרוכטבאַרער, אָבער פאַרוואָגלט אין תהום.

די ווילדע ביימער האָבן געבלאָזן מיט כּעס,
געיאָגט אויף אים שטורעמס מיט רוגזה און האַס.

דאָך געשפּרייט זיינע צווייגן, געגרינט זיינע בלעטער,
האָט דער פּרוכטבאַרער בוים אין ביטערן וועטער.

דער פּרוכטבאַרער בוים געוועזן עלטער פון אַלע,
די ווילדע שכנים האַסן די דאָזיקע מעלה.

ביז איינמאָל אַ בוים, פאַרכּעסט און ווילד,
האָט זיך אויפן פּרוכטבאַרן בוים אָנגעצילט.

זיך געוואָרפן מיט מאַכט און ווילדער קראַפט,
צעבראָכן דעם קערפּער, צעגאָסן זיין זאַפט.

מיט הילף פון אַנדערע, אינעם וואַלד דעם גרויסן,
זיינע צווייגן צעשניטן, זיינע בלעטער צעשטויסן.

אויפן בוים געבלאָזן מיט שטורעם און פלאַם,
ביז ס׳איז בלויז פאַרבליבן אַ פאַרשניטענער שטאַם.

נאָר קיינער האָט נישט געהאַט קיין באַגריף,
אַז דער אַלטער שטאַם איז פאַרוואָרצלט גאָר טיף.

איז ווי נאָר ס׳איז אַריבער דער שטאַרקער שטורעם,
האָבן נייע צווייגלעך פון שטאַם זיך געפורעמט.

פון טיפע וואָרצלען יניקה געצויגן,
טרערן ווי רעגן זיך געגאָסן פון אויגן.

צום וואונדער פון אומפאַרשטענדלעכע „טראָצן״,
האָבן בלעטער אויף צווייגלעך גענומען ווידער שפּראָצן...

וואונדערן זיך אַלע און גאַפן מִן הַסְתָּם:
„ווי קאָן עפּעס וואַקסן נאָך אַזאַ פלאַם?״

געמיינט, אַז דער אַלטער איז אויף אייביק פאַרשניטן,
און זעט נאָר דעם וואונדער — נייע צעבליטן...

— — — — — — — — — — — — —

דאָס יידישע פאָלק, ווי דער בוים דער אַלטער,
וואָס געוואָרן פאַרברענט פון דער וועלט, דער קאַלטער,

האָט פאַרשפּראָצט אירע האָלאָוועשקעס אויף דאָס ניי
און מיט שטאָלץ היינט מיר זאָגן: „**עם ישראל חי!**״



גבורי ישׂראל

פלאַטערט הויך
די ווייס-בלויע פאָן,
ס'איז אַ סאַלוט צו די זיגער!
פאַר דער וועלט
ס'איז אַ דערמאָן,
אַז יידן קעמפן ווי טיגער!

ס'האָבן זיך גערימט
די צאָלרייכע פיינט;
האָבן מיט פאַרניכטונג געשראָקן!
האָט יידישע גבורה
זיי נישט געשוינט,
און פאַרשטומט זייערע גלאָקן. . .

ס'האָט גבורה באַוויזן
דאָס הייפל ישׂראל,
און אָפגעהאַלטן גרויס נצחון!
אַזוי ווי די מַכַּבִּיער
פונעם אַמאָל,
דעם שׂונאס רוקן צעבראָכן!

האָבן יידן געקעמפט
פאַרן קיום און כבוד,
מיט גבורה ווי שמשון
און גאונות ווי דוד. . .

פלאַטערט היינט
די ווייס-בלויע פאָן
הויך און שטאָלץ,
פון באר שבע ביז דָן!



פון דער פאַרגאַנגענהייט. . .



. . . צו דער צוקונפט

ליטאָגראַף פון אַרטור קאָלניק

הכשרה אין קלאָסאָווע

אויף פעלדזן־לאַנד אין קלאָסאָווע,
געהאַקט שטיינער, געטון אַ פעולה,
מיט האַמערס האָט יונגוואַרג געקאָוועט
די יידישע טרוים־גאולה!

יוגנט יידישע פון פוילן,
פאַרלאָזט היים און טאַטע־מאַמע.
געקומען זוכן די גאולה פאַרהוילן
אין קלאָסאָוועס שטיינער־פעלדזן שטאַמען.

געפּלאָגטע יוגנט פון היימען יידישע,
נישט געוואָלט זיין מער קיין שקלאַפן.
קוקט די וועלט איצט אַ פאַרחידושטע
און באַוואונדערט זייער שאַפן!

צייכענונג פון ש. ראסקין

חנוכה אַמאָל און היינט

אַמאָל — שטאַרקע
אין די הענט פון שוואַכע.
היינט — ווייניקע איבער פיל האַלטן אָפּ זיג.
קרעמאַטאָריע פייער
אינעם היינטיקן דערוואַכן —
דער עמוד אש אין העלדישן קריג!

זיגעריש די ליכטער
פינקלען אויך איצטער
און בינדן דאָס אַלטע מיטן נייעם.
עס שיינען די געזיכטער,
פון העלדן, זין און טעכטער,
אין ציון און ירושלים.

ס׳שיינט דער מלך דוד,
ס׳שיינען מַכַּבִּיער,
ס׳שיינען העלדן פון יעדן דור.
חנה סענעש פּאָלגט נאָך
טעאָדאָר הערצל, דעם פירער,
און אונדזער העלד יוסף טרומפּעלדאָר.

יוסף זאָגט: ס׳איז כדאי,
חזק!, זאָגט יהודה פאַרביסן,
מדינת ישׂראל וויל שלום!
פון הערצל באַרג
פאַרטיידיקער באַגריסן
אַ פאַרווירקלעכטן חלום.

1949

ט״ו בִּשְׁבַט

דער הימל איז בלוי,
דער ים אויך אַזוי,
און ס׳כוואַליעט דער שוימיקער ברעג.
די ביימער גרינען,
באַלויכטן מיט זונען
און ליבשאַפט דעם יידישן וועג. . .

די זון איז צעשטראַלט,
איבער סאָד, איבער וואַלד,
און צערטלט יעטווידן בלאַט.
מיט ליבשאַפט פאַרפלאַנצט
יעדן בוים, יעדן פלאַנץ
האָבן יידן אין ט״ו בשבט.

וועלדער דאָ ניי,
סעדער אין אַ ריי,
פיל פירות אין ט״ו בשבט.
דאָ מיינט יעדער בוים,
אַ פאַרווירקלעכטער טרוים —
יום־טובט דאָ יעטווידער בלאַט. . .

יוסף טרומפּעלדאָר

יוסף טרומפּעלדאָר,
אַ ליכט טורעם
פֿון דור צו דור.
גערעמפּפּט מיט אַקער,
מיט כּלי־זין,
פֿאַר אַ לעבן אַ נייעם.

„ס'איז שטאַרבן כּדאַי
פֿאַר בויען תּל־חי!"
אַ טראָט נאָך אַ טראָט,
אַ דאָרף און אַ שטאָט.

אין ישׂראל בליען פּלוינען,
וווּ ישׂראלים אַרבעטן און וווינען,
און עס וואַקסט דאָרט אויס אַ דור,
מוטיק, ווי יוסף טרומפּעלדאָר.

י״א אָדר

(צום יאָרצייט פון יוסף טרומפּעלדאָר)

שווערע מי נישט געגאַנגען פאַרלוירן,
פון זאַמד און זומפּן — פעלדער יוירן,
געגאַרטער טרוים געוואָרן וואָר.
געגאַנגען יוגנט אויף וועג צו פריי,
ווי נאָכן עמוד־אֵש — נאָך תל־חי,
וואָס ס׳האָט געשאַפן טרומפּעלדאָר.

ס׳בליט גַליל, ס׳וואַקסט דער נגב,
זון ווערט העלער יעדע רגע
און באַלויכט אַ העלדן־דור.
פול מיט מוט, פול מיט גלויבן,
ס׳האָט מיט אָפּפער אים דערהויבן,
אונדזער יוסף טרומפּעלדאָר.

אויף יבשה, ים און עראָפּלאַנען,
וועט ישׂראל ווידער דערמאָנען
דעם טאָג פון י״א אָדר;
ווען אין קאַמף פאַר אייגן לאַנד
געפאַלן איז פון שׂונאס האַנט —
אונדזער העלד יוסף טרומפּעלדאָר.

אַ גרוס פון ישראל

(צום באַזוך פון הערשעלע שטול אין אַמעריקע, 1959)

צו מיר געקומען איז ווי זיך געגרויסט
האָט אַ ייד אין שטילער נאַכט.
געקומען אויף אַ וויזיט בלויז,
פון ישׂראל אַ גרוס געבראַכט.

געבראַכט אַ גרוס פון פיל פריינד,
וואָס געלעבט אין שטעטל מאַציעוו נאָך,
מאַציעוו, וואָס האָט מיט תורה געשיינט,
און אַ יוגנט פול מיט ברויז און תוך. . .

געוויזן מיר בילדער אַלערליי,
כ׳האָב די פריינד גלייך דערקענט.
יעדער איינער ריי נאָך ריי,
געראַטעוועט פון מערדערס הענט!

פריינד פון קיבוץ, פריינד פון שטאָט,
אַנטלאָפן זיי זיינען פון פוילישער קעסט.
מיט ליידיקע הענט, אויף „גאָטס באַראָט״,
געוואָרן דאָרט תושבים אָנשטאָט געסט.

גרויסט זיך מיין פריינד ביז ס׳גרויט אויף טאָג.
כ׳שלינג יעדעס וואָרט, כ׳ווער גאָרנישט מיד.
ס׳איז מיר ליב אין האַרץ זיין יעדער זאָג,
כ׳בענטש אַ שטאָלצן ישׂראל ייד!

ייִדיש לשון און פֿאָלק. . .

יידישע אותיות

איז לעבן געבליבן זיי געווען באַשערט —
יידישע אותיות געראַטעוועטע פון פייער.
האָב איך — אויך אַ ניצול פון אונטערן שווערד —
געשלאָסן מיט זיי אַ בונד אַ געטרייען.

ווען פינצטער אַרום, ווען ליכטיק עס ווערט,
מיט ווינטער, זומער, אָסיען און פרילינג,
ס'האָט אונדזער זיין, אונדזערע טעג זיך געמערט,
ס'האָט דער גורל נישט געפרעגט צי מיר זיינען וויליק.

מוטיקן מיר זיך אין היים און ביים וואַנדערן,
און שפּאַנען אַריבער שרעקנדיקע מוראס.
שפּאַנען אַזוי מיר — איינער מיטן אַנדערן,
געבונדן צוזאַמען אויף אייביקע דור־דורות. . .



אַ יידישער חלום

מיט אַלע צרות, שוידער און פּיין,
חלום איך פון אַ מאָרגן מיט זונען־שיין.

פון אַ שענערן, בעסערן מאָרגן איך טראַכט,
וואַכיק — בייטאָג און אין חלום — ביינאַכט.

בויענדיק אין חלום אַ שענערע וועלט,
האָב איך אַליין זיך אַ פראַגע געשטעלט:

ווי קומסטו, ווען טראָגסט די פּיין, ווי אַ באַרג,
צו טראַכטן פון מאָרגן, מיט האָפענונג אַזוי קאַרג?

פאַרפייניקט די וועלט דיך, די זון דיר פאַרשטעלט,
ווי קאָנסטו גאָר טראַכטן פון אַ שענערער וועלט?

ווו נעמסטו די וואַגונג, ווו נעמסטו דעם גלויבן,
ווען די וועלט האָט צעהאַקט דיינע דעכער און שויבן?

ביסט געבוירן „אַ שכן" צום פּוילישן פּאַן,
וואָס האָט דיך געהאַלטן, ווי אַ פערד אין געשפּאַן.

שפּעטער האָט סטאַלין דאָס יידן־פאָלק געשענדט,
און ער האָט דיינע יידישע ביכער פאַרברענט.

דערנאָך די דייטשן מיט אוקראַינער באַנאַנד,
האָבן דיך פאַרטיליקט פון לאַנד צו לאַנד.

אָבער ס'וואָלט קיין שלעכטס צו דיר נישט געקומען,
ווען דו ביסט אַ זון פון קריסטן, פון פרומע. . .

וואָלסט קיינמאָל געוווסט פון אַ ביטערן טאָג,
טוסטו אַן עבירה — דעם גלח נאָר זאָג.

ס׳וואָלט „גאָטס זון״ די זינד דיר פֿאַרגעבן,
ער האָט פֿאַר די „זינדיקע״ געגעבן זיין לעבן.

וואָלסט זינדיקן געקאָנט און געלאַכט פֿון דער וועלט.
מיט שרעק כ׳האָב דערוואַכט אין שווייסיקער קעלט.

איך וויל נישט אין זינדיקער לוקסוס זיך באָדן
און כ׳וויל נישט געניסן פֿון מענטשלעכן שאָדן.

אין גאַנצן דערוואַכט פֿון פֿיינלעכן דרימל,
האָב איך זיך געוואָנדן צום גאָט אין הימל:

באַהיט גאָט דיין פֿאָלק, באַהיט דיינע קינדער,
זיי זאָלן נישט ווערן קיין האַסער, קיין זינדער.

ווייל האַסער נישט טראַכטן פֿון שענערע מאָרגנס
און פֿאַר זייער מיט־מענטש קיינמאָל נישט זאָרגן.

באַשיץ דיין פֿאָלק, נעם די שׂנאה אַוועק
און זאָל שוין צו צרות נעמען אַן עק.

און מיר — באַשיין מיט ליבשאַפֿט מיין ליד,
ווייל ליבשאַפֿט נאָר לעבט אין האַרץ פֿון אַ ייד.

ווער איז אַ ייד?

אין ישׂראל, אינעם יידישן לאַנד,
ליאַרמען די פרומע: „געוואַלד, ס'איז אַ שאַנד!"
זיי שרייען, זיי טומלען, ס'אַ סומאַטאָכע,
„ראַטעוועט! יידן פאַרנייגן די הלכה!"
„גיור, וואָס קומט פון רעפאָרם רבנים
איז גאָרנישט יידיש, ס'איז נאָר לפנים!"
„ממזרים, חלילה, דאָ אין ישׂראל,
וועלן פאַרהאַלטן דאָס קומען פון גואֵל!"
„נישט כּשרע יידן, אַ שאַנדע! אַ פלעק!
מיט זייער יידיש פאָלק וועט קומען צו אַן עק!"
„קאָנסערוואַטיווער גיור — אַ הימל געשריי!
מען מוז זיי ערשט מאַכן פאַר יידן אויף ס'ניי!"

אויך אין אַמעריקע אַ געפּילדער און אַ רַעש,
מ'סטראַשעט ישׂראל מיטן „גרינס" אין דער טאַש. . .
מען רופט מיטינגס, מ'ליאַרעמט, מ'שרייט:
„ס'אַ בושה יידן, ס'אַ בושה פאַר לייט!"

איך אַליין ווייטיק, מיין בלוט אויפגעזידט,
ווייל כ'ווייס דאָך דעם אמת, ווער ס'איז אַ ייד.
כ'האָב געזען דעם רָב, מיט אַ בחור צעדורֶעסט,
דער בחור געווען אַ באַקאַנטער אַפּיקורס. . .
געזען חסידים מיט חברים פון „בּוּנד",
צעשלאָגן מיט קאָלבעס, צעביסן פון אַ הונט.
דערשאָסן צוזאַמען, דאָס בלוט אויסגעמישט,
אונדזער שטעטל אַזוי איז געוואָרן פאַרווישט!
כ'ווייס פיל פרומע, ס'איז זייער גלויבן,
אַז די שחיטה געווען איז אַ גזר פון אויבן.
אַנטיסעמיטן געהאַט דעם זעלבן זאָג:
„ס'האָט יעזוס באַשטראָפט די יידן מיט פּלאָג,

„מיט שרעקלעכן טויט, אָן אונטערשיד —
די פרומע, די פּראָסטע, ווער נאָר אַ ייד.״
אַ ייד זיין איז שווער, נאָך שווערער דעם גר,
ווייל ער נעמט אויף זיך, וואָס ס׳איז יידן באַשערט.

פאַרוואָס זאָל זיך קריגן אַ גליד מיט אַ גליד?
אַ ייד איז דער, ווער ס׳וויל זיין אַ ייד!



מיט יידיש

דאָס מערדער פאָלק, די „ריינע״ ראַסע,
זאָל ווערן פאַרשאָלטן אויף אייביק און ווייטער!
פאַר פאַרטיליקן יידן אין מאַסן,
פאַר וואַרפן יידן אויף ברענענדיקן שייטער.

די וואָס האָבן געפּייניקט יידישע לעבנס,
פאַר זיי זאָל קיינמאָל נישט זיין קיין גענאָד!
קיינמאָל, קיינמאָל די מערדער נישט פאַרגעבן!
פאַרגיב זיי נישט מענטש! פאַרגיב זיי נישט גאָט!

דאָך צו אַ בעסערער וועלט איך וועגד יעדן טראָט,
אין מענטש איז נאָך אַלץ דאָ מיין גלויבן,
און ווען יידן וועלן נישט זיין מער באַדראָט,
קומען וועלן נאָך די ווייסינקע טויבן...

און דעמאָלט וועט מער נישט זיין קיין חידוש;
מיט ליבשאַפט וועלן בליען די אַרומען.
און יידן, וואָס ווילן פאַרגעסן זייער יידיש
וועלן מער שוין דעם יידיש נישט פאַרשטומען...

דעפּאָרטאַציע פון אַ יידישער משפּחה
געצייכנט פון א. קאַרוואַלאָ

צייכענונג פון הערש אינגער

יידישע לידער

געהיטן ווי אייגענע גלידער,
ווען אַנטלאָפן פונעם שטעטל,
מיר האָבן די יידישע לידער
אין האַרצן פאַרבלעטלט.

געלאָפן דורך גריבער
פון טויט און צעשטערונג,
געטראָגן דאָ אַריבער
לידער אין פאַרערונג.

אויף פאַרטיזאַנער שלאַכט,
דורך פייער און פלאַם,
אין פינצטערער נאַכט,
איבער בערג און יַם.

אויף קאַמפּספּולע וועגן,
באַהאַלטן אָדער פריי,
געהיטן דאָס „פאַרמעגן״
מיר האָבן געטריי.

אין חושך, גאָר גערן,
די לידער מיר טראָגן,
ביז ליכטיק ס׳וועט ווערן
נאָכן נעכטיקן קלאָגן.

דער מאַמעס יידיש

ווען איך ווער שוין גאָר אַ מידער,
טויכן אויף מיר מאַמעס לידער,
הויך ווי דעם טאַטנס קידוש.
ס׳קומען ווערטער, מיט דעם אַ ניגון,
וואָס צערטלען מיך און וויגן, —
לידער פול אין יידיש.

געזונגען האָט מיין גוטע מאַמע,
אַ שטיקל ברויט געווען מסתמא. . .
חלה — נאָר אויף חידוש.
געקלונגען האָט ווי „כָּל מקדש״
דער מאַמעס זמרל אויף שבת, —
אַ זמרל אויף יידיש. . .

טאַקע הערינג במקום פיש,
און שוואַרץ ברויט נאָר אויפן טיש,
דאָך שבת רו — נגידיש.
און ווען געטונקלט דער אָרום,
געזאָגט אַ תפילה האָט זי פרום:
„גאָט פון אברהם״ אויף יידיש. . .

יידעלעך קליינע

חיימל און בענעלע — ברידער —
ייִנגלעך קלייִנינקע צוויי;
זינגט די מאַמע איצט ווידער,
יידישע לידלעך פאַר זיי.

זינגט שוין חיימל, דער עלטערער,
צוזאַמען מיט מאַמען די לידער.
און בענע, מיט שיינקייט זעלטענער,
העלפט מיט אַלע זיינע גלידער.

קומט דער פרימאָרגן אין פענצטער
און וועקט זיי מיט יידישן ליד.
נישט דאָ איז קיין שרעק פאַר „געשפענסטער" —
דאָ קאָן זינגען פריי איעדער ייד. . .

פרעסטאָן, 1952

איך וויל נאָר זיין אַ ייד

איך וויל נישט זיין אַזוי ווי זיי,
גזלנים, רויבער, שלעגער.
איך וויל שוין בעסער לײַדן ווײ,
איידער זיין אַ מענטשן־יעגער.

איך וויל נישט מער זיין געיאָגט;
איך וויל, ווי זיי, אַ גוט לעבן.
נאָר ס'איז בעסער מיר צו זיין געפּלאָגט,
איידער צו רשעות זיך איבערגעבן. . .

זיי האָבן שטאַרק מיך געפּייניקט;
מיט סַם ווי שלאַנגען זיי זידן.
עס האָבן מערדער זיך פאַראייניקט
אויסצוראָטן אַלע יידן.

געשפּרייט זיי האָבן גרויל און פּיין;
צעבראָכן פון פאָלק יעדן גליד.
אויב מיט ווייטיק איז באַגלייט מיין זיין,
וויל איך אַלץ נאָר זיין אַ ייד!

מיין פאָלק

מיין פאָלק איז לויטער קדושה.
מיין פאָלק דאָס ליכט דערנערט.
האָבן פעלקער נישט קיין בושה,
זיי שניידן ליכט מיט שווערד.

די פינצטערניש — אַזוי מעכטיק;
אייזן שטאַרק — דער האַס.
מיין פאָלק אין אַלץ פאַרדעכטיקט,
צי ס׳רויטלט זיך, צי ס׳בלאַסט. . .

באָדט זיך מיין פאָלק, מיין טייערס,
יאָר־טויזנטער אין צַעַר.
דאָך ליכטיק נאָך, ווי פייער,
איז דער אַלטער זשאַר. . .

נאָך טליעט ביז צעצונדן,
אין העליש ליכט — דער זשאַר.
ס׳וועט פינצטערניש פאַרשווונדן
און פאַריאָגן דעם קאָשמאַר!



מיין גאָט פון יידיש

מיט מיר אַלע מאָל פאַראַנען איז גאָט.
נישט גאָט פון נקמה איז מיין האַר.
אין מיין יעדן ריר, יעדן טראָט,
איז ער אַ גאָט פון רחמנות און צַעַר.

ער איז מיין אָטעם, דער צאַפּל פון בליק;
מיט מיר אין דורכפאַל, ווי אין דערגרייכן;
מיט מיר אין אומגליק און אין גליק,
מיט מיר אין נידער און אין הייכן.

מיט מיר ווען גרינג; מיט מיר אין לאַסט;
ער איז מיין וואָרט; ער איז מיין ליד.
פאַר די, וואָס שפּרייטן מאָרד און האַס,
איז זיין אורטייל אויסגעשמידט!

אין פירקאַנטיקע אותיות באַווייזט ער זיך.
מיין גאָט ווערט מיט יידיש דערוואַכט.
ווי מיט אַן אוצר, אַ גאָלדענע שיכט,
וואָס שיינט אויך אין פינצטערער נאַכט. . .

כאָטש יידן אַזויפיל געוואָרן פאַרברענט,
מיט הסכם געשוויגן האָט די וועלט.
וועלן נאָך שרייבן פיל יידישע הענט
אויף יידיש, אין יעקבס געצעלט. . .

נאַטור־לידער . . .

ביים טייכל

כוואַליעס זילבערנע אין טייכל זיך יאָגן,
מיט אימפּעט זיי טאַנצן צום ערדישן ברעג.
דעם שוימיקן זילבער אויף רוקנס זיי טראָגן,
ווי זיי זאָלן וועלן פון דעם טייכל אַוועק.

די כוואַליעס אין זוניקן זילבער זיי טאַנצן,
ביז זיי דערגרייכן און פאַלן ביים ברעג.
אַ שוים נאָר פאַרבלייבט פון זילבערנע גלאַנצן,
אַזוי אויך בלייבט אַ שוים פון מיינע זילבער־טעג. . .

ווי די כוואַליעס געיאָגט זיך, געלאָפן, געפאָרן,
געוואָלט וואָס שנעלער דערגרייכן דעם ברעג.
נישט געוואָלט זען, ווי עס פליען די יאָרן
און מען האַלט שוין באַלד ביים סוף פון וועג. . .

ווי כוואַליעס געדרייטע פון ווינט אין אַ צאָפּ,
דערגרייכן און פאַרשווונדן אין זאַמדיקן ברעג.
מיט זילבער־גרוי די האָר אויפן קאָפּ,
שפּאַנט מיין לעבן צום ערד־באַדעק. . .

אין וואַלד

איבער וואַלדיקן רויש,
אין גרויליקע טעג,
ציען זיך שעהען
מיט טויטלעכבער שרעק.

דער פלאַטער פון פויגל,
אַ חיה ברומט בייז.
אַלץ מאַכט דעם דמיון
קעלטער פון אייז.

נאָר מיטננאַכט אין וואַלד
איז רויִק אַזוי —
דאָס לעבן דאָ איז זיכער
ביז הימל ווערט בלוי.

ווען ליכטיק דער וואַלד,
די ראַנדן אין רויט,
טונקעלע שאָטנס
שרעקן מיט טויט.

אַ ייד אין פעלד

אַ פאַס ווילדגראָז, אַ צעהאַקטער,
דער פאַרמער שאַפט דאָ אַ „לאַן״,
סאָפּעט און רוישט דאָ זיין טראַקטאָר,
און ס׳קלינגט דאָס שטאָליק געשפּאַן.

דער פאַרמער — אַ ייד מיט מאַשינען,
פרוכטבאַר מאַכט דאָרנדיקן באָדן,
אין דמיון ער זעט שוין דאָס גרינען
פון פעלדער, מיט זריעה באַלאָדן.

אין זיין מוח פיל מחשבות פאַראַן,
פון חומש, פון חדר, פון לַמדָן,
און ווי באַשאַפן האָט משה דעם מַן
אויף טרוקענע מדברשע זאַמדן. . .

פריילעך פאַרציט ער אַ ניגון,
די זון אים ליכטיק באַהעלט.
די מאַשינען זיך פריידיק צעוויגן —
אַ ייד שאַפט שפייז פאַר דער וועלט. . .

פּרעסטאָן 1951



אַ פֿאַרמערס תּפֿילה

אַ ווינטערדיקער נעפּל
קומט אָן פֿון טונקלען וואַלד.
די לופֿט אַ ביסל פֿראָסטיק,
ס׳איז כּמורנע נאָך און קאַלט.

נאָך זיינען די אַרומען
מיט קילער לופֿט פֿאַרבויט.
דאָך לאַנגזאַם וועקט די ערד זיך
— די מאַמע פֿונעם ברויט. . .

אַנטבלויזטע שטיקער בייטן,
שוואַרצע שטיקער ערד,
ווינקען, ווייזן, זאָגן:
„נייער פֿרילינג ווערט״.

אַ פֿאַרמער שיקט די בליקן
צום אַנטבלויזטן פֿעלד,
ער זעט שוין פֿאַר אַ זומער,
אַ נייעם אויף דער וועלט.

ער שיקט צו גאָט אַ תּפֿילה,
זיין וויכטיקסטער געבעט,
אַז די ערד זאָל גרייטן
שפּייזן צו דער זעט. . .





אַ ייד אַ פּאַרמער
געמאָלן פון יהודה פען



פרילינג
געמאָלן פון **אהרן בוך**

פרילינג

פריילעך פייגל, פרילינג דאָ אַ נייער,
פּאַשען זיך קי,ביימער צוויטן.
נאָר דער מענטש, ווי פּאַר פייער,
מורא האָט „גאָט זאָל היטן״. . .

מענטשן ציטערן, אַז אַ מלחמה
דער נייער פרילינג זאָל נישט ברענגען.
פייגל פליען, פייגל קומען,
באַזונדער און אין שרענגעס.

שפּרינגען ציגן אויף ערד צעגרינטער
אין פרילינגדיקן באַגינען.
מענטש אין מורא אַ פאַרשפּינטער,
קאָן זיך דאָס נישט פאַרגינען. . .

נאָך אַ מאַי

ס'איז געלעבט — טאַקע חַי!
געקומען איז דער חודש מאַי.

געהאָפּט אויף מאַי און זיך דערוואַרט,
די צייט, זי האָט נישט אָפּגענאַרט.

אַלץ בליט און גרינט אין מאַי,
די זון איז וואַרעם, העל און ניי.

אַלעביימער מיט צוויט צעבליט,
ווי גרינער טעפּיך יעדער טריט.

נאָר ווען דער מאַי וועט אַוועק,
וועט צום בליעכטס זיין אַן עק.

אויפגעבליט און אָפּגעבליט,
אָט אַזוי דאָס לעבן פליט. . .

זומער אין דאָרף

זומער — שטאָט, געבראַזג, גערויש,
די לופט ווי הייסער בליי.
זומער — דאָרף, געוויקסן ברויז,
אַרומען ברייט און פריי.

אין דאָרף אַן אַנדער אַלף־בית,
אַן אַקער און אַ „באָרענע״,
אויף די פעלדער, פול מיט פלייס,
ווייצענע און קאָרענע.

אַ צעהעלטע זון דאָ גיט כוח
יעדעס גרעזל, בלאַט און שטאַנג;
גרינע אוצרות וואַקסן הויך,
מיט שטאָלץ וואַקסט דאָ יעדע זאַנג. . .



אַ זומער פֿאַרנאַכט

זון פֿאַרלאָזט אין פּורפּור רויט
דעם סאַמעטענעם גרין,
אין דעם גאָרטן פֿול מיט שיינע בלומען.
זויגט דורשטיק דאָרט
פֿון יעדער בלום אַ בין,
רוישט די לופֿט מיט בינען־זשומען.

אינעם גאָרטן פֿליען בינען,
זיי שטעלן זיך און קרייזן
אַרום די בלומען, איידער טאָג פֿאַרגייט.
ווי זיי וואָלטן געוואָלט
וואָס שנעלער צו באַווייזן
זיך אָנזויפֿן מיט בלומען זאַפֿט און פֿרייד. . .

ווען זון פֿאַרגייט און
טונקל ווערט דער הימל,
באַהערשט דעם גאָרטן אַ נאַכטיקער געפֿיל.
יעדע בין האָט שוין לאַנג
פֿאַרלאָזט איר שיין בלימל,
וויינען די בלומען מיט טוי אין דער שטיל.

אַ זומער רעגן

ווי אַ גאַסט איז אַ רעגן געקומען
אויף לאָנקעס פאַרגעלבטע
פון בראַנדיקער זון,
פון היציקע טעג אַ סך.
געקומען מיט דונערן
און בליצן צעהעלטע,
באַוואַסערט די פעלדער
און דעם טרוקענעם שליאַך.

און יעטווידער מאָל,
ווען ס׳בליצט אויף דער הימל,
דער רעגן, מיט אימפעט
שטאַרקער נאָך פאַלט.
דערוואַכן די זאַנגען
און בלומען פון דרימל,
און ס׳וואַשן די קעפּ זיך
די ביימער אין וואַלד.

עס לעבט אויף ווידער
און דערפרישט יעדן בלי;
שמעקט אויף דאָס ניי
די דערפרישטע רויז.
פריילעך טראָגט זיך
דאָס מעקען פון קי
און מישן מיט רעגן
און דונער זיך אויס.



אָסיען אין ניו ענגלאַנד

ס׳שיינען די ביימער, ווי גאָלד און פּלאַטין,
ווי דאַמען אויסגעפּוצט פאַר אַ חשובן גָדול.
אויך ביימער דאָ אין ווייס און גרין,
דאָס זיינען ביימער פון אַקאַציע און נאָדל.

זיי לויכטן הערלער, ווי סנה אין די פלאַמען,
ווי הייליקע אין שפּיזיקער זונען־שיין.
ביי די וועגן זיי שטייען ווי אַ קאָליר פּאַנאָראַמע,
ווילן דאַנקן פאַרן ווערק דעם באַשאַפער אַליין. . .

שטרעקן זיך צווייגן מאַיעסטעטיש צו הויכן,
באַצירן דאָס שטיין־לאַנד, באַצירן די וועגן,
שניידן דורך באַגינענס אין נעפּלס, ווי רויכן,
און רוישן ווי טראָפּנס, וואָס פאַלן פון רעגן. . .

ס׳רוישן די בלעטער קאָלירטע ביים פאַלן,
בלעטערלעך גאָלדענע, רויטע און ברוינע.
עס בעטן זיך ביימער ביי זוניקע שטראַלן: —
לאָזט אונדז נאָך האַלטן די גאָלדענע קרוינען. . .

אָסיען אויף דער פֿאַרם

בייטאָג גיט די זון נאָך אַ וואַרעם,
ווי אַ „זיי־געזונט״ און שוין!
פֿאַלן בלעטער רווישיק אויפֿן פֿאַרם
פֿון אַ בוים מיט אַ גרינעם קרוין.

בלעטער קאָלירטע הייבן אָן פֿאַלן,
פֿון פֿעלדער פֿאַרשווונדט דער גאָלדענער ווייץ.
די זון מיט אירע שוואַכינקע שטראַלן
וויל זיך מיט מענטש געבן אַ רייץ:

פֿלעגסט אין זומער אַזוי זיך קרימען,
געבעטן אויף ווינט און אַ ביסעלע קעלט.
טו איך דיר אַ טובֿה, כ׳הער דיינע שטימען,
כ׳וועל באַלד זיין אונטער וואָלקנס פֿאַרשטעלט. . .

פֿאַלט אָן די נאַכט — אַ שוואַרצער וואָלקן,
אַ רעגן פֿאַלט אַ קאַלטער, אַ נאַסער.
אַזוי ווי דער הימל וואָלט זיך געמאָלקן
מיט שעפֿלען און שעפֿלען מיט וואַסער.

וויעט דער אָסיען אין טונקעלע אַרומען,
דער קאַלטער רעגן רוגזהדיק פֿליסט.
פֿאַרווישט די צייכנס פֿון געוועזענע בלומען
און ס׳ווייקן זיך פֿעלדער אין טייכן פֿאַרוויסט. . .

עס ווערט אומעטיק אויפֿן האַרץ,
נישטאָ שוין מער דער זומערדיקער שאַרם.
דער טאָג ווערט קלענער, די נאַכט איז שוואַרץ —
ס׳הערשט דער אָסיען אויף דער פֿאַרם.

אַ בוים אין ווינטער

ס׳פֿאַלט אַ שניי און שנייעלעך
בלאָנדזשען אין געדריי.
אין טאָל אַ בוים אַן עלענדער,
שטייט און קוקט אויף זיי.

אין געוויטער שנייאיקן,
טרוימט דער בוים אין טאָל,
ער טראַכט פֿון פֿאַרגאַנגענעם
און וואָס ס׳איז געווען אַמאָל. . .

פֿון טוי אין די פֿרימאָרגנס,
וואָס געפֿאַלן דאָ אַרום,
צוויטן האָבן זיך צעוואַקסן
אין אַ קאָלירטער בלום.

פֿון נעסטן פֿול מיט סווישטשען,
אַ פֿריידיק פֿייגל־געזאַנג.
פֿון באַגינענס וואַרעמע
ביז צו זון־פֿאַרגאַנג. . .

שטייט דער בוים אין בענקשאַפֿט,
ווי איינגעדאַרט פֿון וויי.
פֿאַלט אויף צווייגן נאַקעטע,
פּוכיק, קאַלטער שניי.

פֿאַרשיידענע לידער. . .

צו יהוֹשֻעַ

(סאָנאַטע)

(פאַר אונדזער אייניקל, געבוירן מאַי 9, 1982)

דיין טאַלאַנטירטער טאַטע, געבוירן איז אַ די.פּי.־קינד.
זיין געבורט געבראַכט אונדז פרייד און באַדויער.
אונדזערע הערצער געקלאַפּט האָבן, ווי פליגל אינעם ווינט,
פון דעם גרויסן גליק אין צייט פון טרויער.

אין לאַנד ווו דיין טאַטע האָט צום ערשט דערזען די וועלט,
פון דאָרט איז געקומען אונדזער אומגליק, און ס׳נייע גליק.
אַ יידיש קינד געבוירן אין אַ די.פּי. געצעלט,
איז ווי צווישן פינצטערניש און ליכטיקייט אַ בריק.

דיין טאַטע האָט געבראַכט צו אונדזער חושך אַ שיין,
באַלויכטן אונדזער וועג, געהיילט אונדזער פּיין.
און דו ביזט געבוירן איצט אין פרייען לאַנד.

איז וואַקס געזונט און ווייס: נישט האַסן, נאָר ליבן איז גוט,
כאָטש דיינע באָבע־זיידע שיעור נישט פאַרגאָסן זייער בלוט,
אָבער מיט שטענדיקער ליבשאַפט שטרעקן זיי אויס זייער האַנט.

בלימעלעך

(פאַר אונדזערע אייניקלעך)

בלימעלעך, אומגעקערט מיר אַ חלום,
וואָס כ'האָב געחלומט צוריק שוין לאַנג.
ביי צוויטיקעביימער מיין צוקונפט געמאָלן,
מיין יוגנט פרייד און געזאַנג.

ס'האָט דער חורבן געמאַכט מיך פאַרגעסן
די זינגעוודיקע, פריילעכע טעג;
ס'האָט דער טרויער מיך אינגאַנצן באַזעסן,
ווי דערנער אויפן וואַנדער־וועג.

בלימעלעך יונגע געבראַכט האָבן פרילינג,
ווען טריבער אָסיען באַזעצט האָט מיין שוועל.
מיט קינדערשער פרייד מיין טרויער זיי שטילן,
איך דריק זיי צו מיין האַרצן און קוועל.



פרילינג אין אָסיען

ווען כ׳האָב דערוואַרט דעם כמאַרנעם אָסיען,
דעם סעזאָן פון יאָר, דעם טריבן,
ווען דער אַרום פון רעגן ווערט פאַרגאָסן
און קיין בלעטל אויפן בוים איז נישט פאַרבליבן.

האָט דער הימל זיך ווידער צעבלויט,
די זון איז ווידער געוואָרן העל.
אירע שטראַלן זי שיקט איבערן פלויט
און ווי אַמאָל באַלויכטן מיין שוועל.

ווען ס׳האָבן רוצחים מיין לעבן צעטראָטן,
און מיינע נאָענטסטע אין קברים צעשפרייט,
בין איך פאַרבליבן נאָר אַליין, אַ שאָטן
פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט, פאַרגאַנגענער פרייד.

נאָר ווען צעעפנט ס׳האָבן זיך קינדערישע אויגן,
(פאַר זיי איז דאָך ניי אונדזער וועלט).
האָבן זיי דעם אָסיען מיט אַ שמייכל פאַרצויגן,
געבראַכט נייעם פרילינג אין מיין געצעלט. . .



די שטראָף...

גייט אַן אַלטער איינגעהויקערט,
איינגעבויגן, ווי „אָנגעבויקערט".
שוואַך איז ער, שוואַך און אַלט,
אפילו זומער איז אים קאַלט.

בלאַס געזיכט, מיט געלע פאַרבן,
געקאַרבט, ווי די קאָרע קאַרבן;
די מלבושים — הוילע פלעקן,
און ער שפאַרט זיך אויף אַ שטעקן.

אַליין ביים שלאָפן און ביים עסן,
גאָר פון אַלעמען פאַרגעסן.
פאַרביי אים גייען חברה יונגען,
וויצלען זיך מיט לויזע צונגען.

לאַכן פריילעך פונעם אַלטן:
„דיין שטעקן קען דעם ים צעשפּאַלטן"...
דער אַלטער הערט און אים פאַרדריסט,
דער חוזק שטעכט אים ווי אַ שפּיז!

ווען צו זיין דירה ער דערגייט,
דערמאָנט ער זיין פאַרגאַנגענהייט;
פון שופלאָד בילדער אָן אַ צאָל,
דערמאָנען דעם „געווען אַמאָל"...

ווען יונג געווען, פון זון פאַרברוינט,
האָט ער אויך אַלטע נישט געשוינט.
מיט חברים אויסגעלאַכט
דעם אַלטן אין זיין גאַנג און טראַכט.

זיכער קומט ער אָפּ אַצינד
פאַר זיין גרויסער יוגנט זינד:
„ס'מוז אַזוי שוין זיין מיין סוף,
פאַר חוזק מאַכן קומט די שטראָף"...

אַ ייד מיט אַ פּעקל
געצייכנט פון זינאָווי טאָלקאַטשאָוו

מיינע פּעק

(פּאָעמע)

גאָר צום שטוינען! גאָר צום גאַפן!
האָסט אַ שיינע וועלט באַשאַפן.

פאַר אַלעמען געמאַכט אַ שיינע וועלט,
נאָר פאַר אונדז דיין רחמים פעלט.

ווען קלייבן כ׳וועל זיך פון דאָ אַוועק,
נעם איך מיט מיט צרות פולע פּעק;

אָנגעשטאָפּטע פּעק מיט פיל וויי,
מיט שמע ישראל אויסגעשריי.

און שווערע קאַסטנס מיט געבעט,
נאָך איידער ס׳איז געוואָרן שפּעט.

איצט געבעט און תורה לערע
קאָנסט פון דאָרטן מער נישט הערן.

כ׳פּאַק אויך אַריין אין די פּעק,
זכרונות פון מיינע שיינע טעג:

צאַרטע שמייכלען פון קליינע קינדער;
אויף לאָנקעס גרינע — שאָף און רינדער;

פעלדער, וועלדער, צעבליטע אַרומען,
גערטנער פול מיט צאַרטע בלומען.

אויף יונגן צוויט שטראַלן שיינען,
בלויע טייכן באַזילבערט זיינען. . .

אַ זומער רעגן — פון גאָט אַ נאַש —
מיט ליכט פון בליץ און דונער רַעַש.

דעם אָסיענס ווינטערדיק געוויי;
דעם ווינטערס ערשטן ווייסן שניי,

וואָס פֿאַרכאַפּט מיין אויג און אויער,
דורך די פריידן, דורכן טרויער;

דורכן שטורעם קראַך און בליץ,
האָט מיין מוח אַלץ פֿאַרקריצט.

כ׳וועל פֿאַרן בורא אַוועקשטעלן די פּעק
מיט יידישע צרות פֿון עק צו עק,

און ווען כ׳וועל אים אַלץ צוטראָגן,
וועל איך פֿרעגן און כ׳וועל זאָגן:

פֿאַראַנען פֿעלקער רייך ווי קורח,
פֿאַרוואָס זיי נישט געשענקט די תורה?

פֿאַראַנען פֿעלקער שטאַרק ווי אייזן,
פֿאַרוואָס נישט זיי מיט מצוות שפּייזן?

אַ נישט־ייד קען צו דיר קומען,
אָן צו טענהן, אָן זיך קרומען.

ער האָט דיין תורה נישט געהאַט,
אָבער אַ לעבן פֿול און זאַט.

אַ ייד מיט תורה, פֿרום און גוט,
האָט פֿאַרגאָסן עמערס בלוט.

אַ ייד פֿאַרמשפּט ביים געבוירן,
ס׳זאָל אַ שׂנאה צו אים יוירן.

מיט סם ווי ביים שלאַנג עס זידט,
וויל שׂונא טויטן יעדן ייד!

זע מיין געפּעק, עפֿן דיינע אויגן,
זע יידישע צרות — פֿולע סטויגן.

זע אויך די שיינקייט פֿון דיין באַשאַף,
קוק אויףביידע, קוק און גאַף.

קוק זיך אַרום אין דיין געצעלט
און זע: פֿאַר אונדז דיין רחמים פֿעלט...

האָפענונג

כ׳האָב היינט נישט באַגראָבן דעם נעכטן
פול מיט האָפענונג, אין ענדלאָזן טאָל;
וועל איך קיין שבעה נישט אָפּריכטן,
און נישט שרייען: „שמע ישראל״.

אויך ליגן נאָך נישט באַגראָבן,
די יידישע שונאים, וואָס קומען
ווי טשאַטעס הונגעריקע ראָבן,
פון דער וועלטס אַלע אַרומען.

די וועלט איז נאָך פאַרבליבן
ווי פריער, אָן סדר, אָן טאָלק!
יעדער שונא האָט שוין פאַרשריבן
דעם אומקום פון יידישן פאָלק!

דאָך האָף איך, ווי ס׳האָפט יעדער ייד,
ווייל צום האָפן מיר זיינען באַשאַפן.
כאָטש די ערד אונטער אונדז בריט,
דאָך טראָגן מיר גלויבן און האָפן.

איך באַדויער נישט מיינע טעג,
וואָס אַנטשלאָפן אויף אייביק זיי ווערן.
שטאָלץ מיט האָפן גיי איך מיין וועג,
ביז טויט וועט מיין לעבן פאַרצערן!

מיינע ווערטער

ס׳גאַנצע לעבן פאַרמאָגט אַ ווערטער שפּיל.
געמיינט: מיט וואָרט כ׳קען טון וואָס כ׳וויל.

ווען נאָך יונג כ׳בין מיין וועג געגאַנגען,
מיט פרייילעכע ווערטער אין מיינע גזאַנגען.

איצטער, אויף דער עלטער, אין מוח שוועבן
פיל ווערטער נאָך פון מיין יוגנט לעבן.

ווי בלומען אין אַ וואַזע איינגעפּאַסט,
זיינען ווערטער אין פראַזן פאַרפאַסט.

ווי זילבער שטערן, אין אַ נאַכט אַ בלאַסער,
שפּיגלען זיך אין אַ פלאַכן וואַסער. . .

נאָר צו פאַרזיגלען אין האַרצן די וויי־ערטער,
קען איך אַלץ נישט געפונען קיין ווערטער.

געדאַנקען, תמיד די גרויל נאָר זיי שפּיגלען,
כ׳האָב נישט קיין ווערטער די גרויל צו פאַרזיגלען.

גיי איך אַרום פול מיט פראַגעס און רייד:
כ׳האָב געקענט ווערטער באַשאַפן פאַר פרייד;

נאָך זוך איך ווערטער דעם פּיין צו פאַרקלעפּן,
דעם וויי, ווו פאַרטראָגן, פאַרשלעפּן.

קען איך קיין ווערטער פאַר דעם נישט געפונען,
ווי פון אַ געלעבערטן פּאַס איז דער וויין אויסגערונען. . .

עליע וויזעל

זיינע ווערטער קלעפּן ווי האָניק צום גומען,
זיין שאַפן — אַ שפע פון מענטשלעכסטן קוואַל.
וויפל וויזעלס זיינען אין גרויל אומגעקומען?
אין פיין און יסורים ביטערער ווי גאַל?. . .

וויפל וויזעלס, די גייסטיקע ריטער,
געוואָרן זיינען פאַרגאַזט און פאַרברענט?
וויזעלס, וואָס זיינען פון שלום די היטער;
וויזעלס, וואָס בויען פאַר קיום די ווענט.

וויפל גאונים האָט די וועלט אָנגעווירן —
וויזעלס, איינשטיינס און סאָלקס?
וויפל פראָגרעס איז געגאַנגען פאַרלוירן
מיט בלוטיקן דאָס יידישע פאָלק?. . .

דאָס פאָלק, וואָס האָט דער וועלט געגעבן
עטיקס און מאָראַלישע ווערטן.
דאָס פאָלק, וואָס געזאָרגט האָט פאַר מענטשלעכן לעבן,
האָט גאָר באַקומען אַ לוין אַ פאַרקערטן!

וויזעל, ווי אַן אָדלער, וואָס פליט אין די הויכן,
וויל ער בויען אַ שענערע וועלט.
אונדזער וועלט מיט מאָראַל באַהויכן
און אַ מענטשהייט מיט ליבשאַפט באַזעלט.

קוק און באַוווּנדער זיין כּוח פון שאַפן,
זיין גייסטיק־באַפליגלטע מאַכט.
זיין לערע פאַר שלום, גלויבן און האָפן,
ווען זיינע אויגן זעען נאָך די נאַכט. . .

זייער געענדערט אין טאָג פון באַפרייונג,
אומגלויבלעך געזען זיך אַליין אין שפּיגל.
דאָך מיט ליבשאַפט ער קעמפט פאַר באַנייונג,
ער צעמענטירט אַ ציגל אויף אַ ציגל. . .

צום פּאָעט יעווטושענקאָ

(צום דערשיינען פון זיין ליד „באַבי יאַר״)

צו דיר, מיין פריינד, מיין ליד אַצינד,
מיין פריינד אין גרויסן צער.
ביי מיר ביסטו ווי אַ קדוש־קינד,
געלויטערט אין באַבי־יאַר.

אויב מאָס אין קדושה איז פאַראַן,
איז דיין שטאַפּל גאָר, גאָר הויך!
ווייל מוזט נישט ווי אַ קדוש־מאַן
שטאַרבן פון אַ שאָס אין מוח.

האָסט זיך שעפעריש געמיט
און דיין פרייהייט אין קאָן געשטעלט;
מיט וואָרט, וואָס מאָנט און גליט,
מיט הויכער מענטשלעכקייט באַזעלט.

דיין שווערד איז דער כוח פון וואָרט,
דאָס יידישע בלי־זין פאַר טויזנטער יאָר.
זיי זשע מיט פיל קראַפט אָנגעגאַרט,
צו טראָגן דעם צייכן פון ייד אין קאַיאָר!

פרעסטאָן 1964

אַ פּאַרטיזאַנס פרילינג

האָב איך דען נאָך פרילינגס
דערוואַרט אין מיין לעבן?
האָט זון ווען דעם אומקום
אירע שטראַלן געשיקט?
צו צעשטראַלטע אַרומען
מעג איך דען שטרעבן?
ווען פון לאַנג שוין צו זון
כ׳האָב מיין ליבשאַפט דערשטיקט. . .

דאָך, ווען ס׳שיינט ווידער
מיט פרילינג דער דרויסן
און זון האָט זיך ליכטיק
ווידער שיין צעשטראַלט.
ווען ס׳גרינען די סטעפּעס
און גראָזן זיך גרויסן,
און ס׳באַקרוינט זיך מיט גרין
מיין ליבינקער וואַלד.

דאַן ציט מיך צום פרילינג,
צו ביימער די גרינע
אין וואַלד דעם צעבליטן
דערמאָנען דעם „געווען אַמאָל". . .
ווייל צום וואַלד כ׳בין געלאָפן
פון גרויליקער שׂנאה;
כדי פון דאָרט צו מאָנען
בלוטן פאַר בלוט!

מיינע מעת־לעתן

ס׳איז סַם מיין וואַסער און ס׳ברויט וואָס כ׳עס,
דאָך שפּין איך ליבשאַפט אין שעהדיקן מעת־לעת.

אַ מלאך פון שיינקייט צו מיר ער רעדט,
און באַלד אַ צווייטער — פון ערשטן ער שפּעט.

מיט איינעם איך שאַף ליבשאַפט, ס׳איז מיין נויט,
דער צווייטער דערמאָנט מיך אין גרויליקן טויט.

דער גוטער, ער רעדט פון אַ פּרעכטיקער וועלט;
דער שלעכטער מיין געבוירן באַוויינט, פאַרשעלט.

מיט דעם גוטן מלאך ווערט ליבשאַפט געבוירן;
דער צווייטער ווייזט מיר, וואָס כ׳האָב פאַרלוירן.

אַזוי ציען זיך נעכט מיינע, שלעפּן זיך טעג,
ווען כ׳גיי שוין צו פרייד, פאַרשטעלט ווערט מיין וועג.

אין שלאָף, ווען איך חלום פון ליבשאַפט און פרייד,
וואַקסט אויס אַ גזלן, מיט האַקן־קרייץ באַקליידט.

ווען כ׳קוש מיינע שיינע אייניקלעכס קעפּ,
דערמאָנט זיך מיין פריילעכע יוגנט אין סטעפּ.

נאָר גלייך מיטן סטעפּ קומען אוקראַינער באַנדיטן
און כ׳דערזע די לעבנס, וואָס זיי האָבן פאַרשניטן.

ביים קושן די הענטעלעך פון די קליינינקע יידן,
הויבן אָן פּראַגעס אין קאָפּ מיר צו זידן.

שטעל איך דער וועלט אַ קשיא און פרעג:
נישט אַריבער דער גרויל איז? ווו איז דער ברעג?

וואָס מיינט דאָס שמירעכץ אויף ווענט פון שולן?
דער האַקן־קרייץ און „טויט פאַר יידן" געמאָלן?

רעדט גלייך און שרעקט מיך דער מלאך פון גרוילן:
„שוין פאַרגעסן די ווענט פון די שולן אין פוילן?"

ווערט סם מיר דאָס וואַסער, און ס׳ברויט וואָס איך עס,
דאָך וויל איך שפּינען ליבשאַפט במשך דעם מעת־לעת.

„ווי זאַמדביים ברעג“. . .

ס׳טראָגן גאָטס ברכה שוין לאַנג די יידן:
„איר זאָלט זיך מערן ווי זאַמד ביים ברעג“.
נישט געוועזן די וועלט פון דעם צופרידן,
געניצט דעם „זאַמד“ פאַר זיך אַלס וועג. . .

ווי דאָס זאַמד אויסגעטריקנט פון היץ,
וואָס איז צעשפּרייט ביים ימישן ברעג;
עס ווערט געטראָפן פון דונער און בליץ,
ווי אַן איינזאַמער בוים אויפן וועג.

שוין לאַנגע טויזנטער יאָרן אַזוי,
אין וואַלגער, ווי זאַמד ביים ברעג.
מיט אַן אייביקן יידישן „אוי“,
צרות און פּיין אויף וועג און שטעג.

אויך טרעפט, אַז דער ים גאָר ווילד ווערט,
ער שטורעמט מיט כוואַליעס דעם ברעג.
ווערט דאַן אַלץ דורך וואַסער צעשטערט,
דער נאַסער זאַמד פאַרלירט זיין וועג

און ווערט פאַרשלעפּט אין תהום פון ים,
דאָרט ווערט פיל זאַמד פאַרלוירן.
דער ברעג ווערט פאַרפלייצט מיט שמוץ און סם,
און נייער זאַמד ווערט נישט געבוירן.

און קען ווער אַנטלויפן אין אָט דער בהלה
צו ערגעץ ווו אַ טרוקענעם שטעג,
ער ווייסט: גאָטס ברכה געוואָרן אַ קללה,
צו זיין „ווי זאַמד ביים ברעג“. . .

קַיִנס סַם

ווען מיין וואָרט זאָל ווערן אַ פֿאַקל,
וואָס צינדט אָן אַ מעכטיקן פֿלאַם,
וואָלט איך זיך נישט געוואַקלט
צו פֿאַרברענען קַיִן און זיין סַם!

קַיִן, ווי שלאַנגען פֿול מיט גיפֿט,
פֿאַרסמט ער די גאַנצע וועלט.
די וועלט איז פֿאַרגליכן צו אַ שיף,
וואָס איז אין מיטן ים אָפּגעשטעלט.

וואַקלט די שיף זיך אין שטורעם,
קַיִן וויל כאַפּן דעם רודער.
מיט סַמיקן האַס, וואָס ער פֿורעמט,
טויט ער זיין אייגענעם ברודער.

ער צעטומלט די „פּאַסאַזשירן״,
פֿאַרגיפֿט זיי מיט סַמיקן האַס.
קַיִן וויל דאָ יעדן דערפֿירן
צו האַסן ביז משוגעת.

קען די שיף נישט דערשווימען
צו אַ טרוקענעם, ליכטיקן ברעג,
ווייל קַיִנס כסדר זיי קומען,
מיט האַס אין זייערע פּעק.

די שיף אין שטורעם זיך וויגט,
אָט זינקט זי אין טיף פֿונעם ים.
און האָט, דוכט זיך, קַיִן געזיגט
מיט ליגנס, מיט האַס און מיט סַם!

ווען וואָרט מיינס זאָל ווערן אַ פֿאקל,
וואָס צינדט אָן אַ מעכטיקן פֿלאַם,
וואָלט איך זיך נישט געגעבן קיין וואַקל
ביים פֿאַרברענען קַיִן און זיין סַם!

יום כפּור אין שול

אין שול, אין רייען לאַנגע,
וויגן זיך יידישע באַזילבערטע קעפּ.
ווען כ׳קוק אויף זיי, מיר דוכט זיך,
איך זע אַ רייפן קאָרן-סטעפּ.

זיי וויגן זיך אַזוי ווי זאַנגען,
רייפע, פולע, זילבער גרויע,
וואָס וויגן זיך פון לייכטן ווינטל,
אויף די הויכע גאָלדענע שטרויען. . .

ס׳גרייט זיך זומער שוין אַוועק,
און די טשאַטעס פויגלען פליען.
אָבער רייפע זילבער זאַנגען,
וואָלטן אַלץ נאָך וועלן בליען. . .

אַזוי אויך יידן אין אַ תפילה,
בעטן זיך ביי גאָט דעם פרומען:
ס׳זאָל דער „שניטער״ מיט זיין קאָסע,
אַזוי גיך צו זיי נישט קומען.

וויג איך זיך מיט זיי צוזאַמען
און זאָג מיט זיי די ווערטער שטילע,
ווייל אויך ווי זיי איז מיין קאָפּ באַזילבערט,
בעט איך אויך די זעלבע תפילה. . .



אַמאָל איז מען אַזוי געפאָרן. . .

. . . היינט פאָרט מען אַזוי

←

אויף פלאָרידע עסטראַדעס

זומער, די זון, אַ גרויסע היץ!
פינף און נײַנציק גראַד איז.
אין דער מיט פון ברעג און שוויץ,
בויט מען דאָ עסטראַדעס.

ברייט און לאַנג זיינען זיי,
פיל ליניעס איז אין יעדער.
מען ברעכט דורך באַרג און קליי,
מען בויט אָט אָ דאָ כסדר.

אויף די שוין אויסגעבויטע
שוואַרץ אַספּאַלטענע וועגן,
יאָגן זיך ווי אומגעדויערטע,
אויטאָס — פייל־פון־בויגן!

יאָגן זיך אַזוי געשווינד,
שרענגעס אויטאָמאָבילן.
הודיען הויך ווי דער ווינט,
קיינמאָל נישט איינצושטילן.

זומער צייט, זיי זיינען פיל,
נאָר ווינטער צייט נאָך מער.
עסטראַדעס — גאָר אַ וואונדער שפּיל,
דאָס וואונדער פון פאַרקער. . .

ווינטער מער נאָך יאָגן זיי,
ס'איז שטאַרקער דער אַליאַרם.
ווינטער דאָ נישטאָ קיין שניי,
קומט מען אין דער וואַרעם.

בין איך אויך אויף דעם שאָסיי,
איך יאָג זיך אויך אוודאי. . .
מיילן לויפן מיר פאַרביי
געשווינד אויף דער עסטראַדע. . .

ס׳לעבן לויפט אויפן ווייכן געזעס,
די הענט קירעווען דעם רודער.
כאָטש דער „קילער״ קילט דעם שווייס,
אינעם קאָפּ הודיעט ווידער. . .

דער אויטאָ יאָגט זיך ווי דער ווינט,
און ס׳יאָגט אַזוי מיין לעבן,
ווי די מיילן, שנעל, געשווינד,
די יאָרן מיינע שוועבן. . .

כ׳פרעג: ווער וועט פריער קומען
צו דעם לעצטן ציל?
דאָס לעבן, אָדער דאָס זשומען
פון מיין אויטאָמאָביל. . .



פונעם עראָפּלאַן

ווייסע וואָלקנס, ווי פוכיק שניי,
דעם האָריזאָנט פאַרשפרייטן.
דוכט מיר, ווען איך קוק אויף זיי,
ווינטער אין מיין לאַנד דעם ווייטן.

עס שיינט אין מיטן אַ בלויער גלאַנץ,
ווי אונדזער טייך פאַרפרוירן.
ווי ביי אונדז, פון בערג אַ קראַנץ,
זיך צו די הויכן יוירן.

דוכט מיר, ס'איז דער „אַמאָל״,
מיט חברה גייען זיך גליטשן,
פונעם באַרג אַראָפּ צום טאָל,
צוריק אַרויף זיך מוטשען. . .

צעברום איך מיר אַ היימיש ליד,
מיט יוגנט פלאַם צעצונדן.
יוגנט מיינע אויפגעבליט,
מיין עלטער גאָר פאַרשוווּנדן. . .

נאָר טו איך נאָר אַ בליק אַוועק
פון פענצטערל, דער „אַמאָל״ שפיגל.
ווי אַ פויגל כ'דערפיל די שרעק,
ווי אָפּגעהאַקט די פליגל. . .



דער לֵץ

װען יונג נאָך, געלאַכט און געשטיפּט,
אַן אוצר געװען פאַר מיר יעדער נייער טאָג.
דער חורבן, װי מעסער־שניט, אין האַרץ פאַרטיפט
און פאַרביטן מיין לאַכן מיט קלאָג.

פון שטאַרקן הונגער לאַכט אַ היענע.
אַ פאַװע װיינט, װען זי קוקט אויף אירע פיס.
אַ מענטש קען לאַכן אפילו אין גיהנום,
און װיינען, װען ס׳לעבן דאַכט זיך איז זיס. . .

מיך לאַכן קען מאַכן אַ קאָמעדיאַנט,
מיט װיצן איבער מענטשלעכע פעלערס.
יעדעס װאָרט זיינס פאַר מיר אַ בריליאַנט.
כ׳האָב געגלויבט, אַז ס׳איז גוט די פאַרװיילערס. . .

נאָר װען דער לֵץ האָט מיר געזאָגט:
„כ׳װיין אָפט, װען ס׳לאַכט מיין געזיכט.
פיל מאָל, װען אין האַרצן טרויער נאָגט,
לאַך איך, װייל לאַכן איז מיין פליכט.״

אויב אַזוי, בין איך װי דער לֵץ, —
מיין פנים לאַכט, מיין האַרץ פול מיט געװיין.
ס׳האַלט דער חורבן מיך, װי אַ פיש אין דער נעץ,
לאַך איך, מיט טרויער אין מיין יעדן געביין.

װי ביים לֵץ — געלעכטער איז נישט פאַר זיך,
ביי מיר איז געלאַכט און געטרויערט.
ס׳האָט דער קאָמעדיאַנט אויסגעלערנט מיך
לאַכן, װען װייטיק אינעם האַרצן בויערט.

דזשאָן פ. קענעדי

(צום ערשטן יאָרצייט, האַרבסט 1964)

אַ העלדישער גייסט,
פלייסיק און דרייסט.
ווי אַ בוים אין בלי,
אַן אָדלער אין פלי,
געוועזן איז
דזשאָן פ. קענעדי.

זיין ווילן און פאַרשטאַנד
פאַר פרייהייט אין לאַנד.
זיין פלאַט:
דעמאָקראַט.
„פאַר אַל־קאָליר־הויטיק
גלייכהייט איז נויטיק״.

נישטאָ מער דער העלד
אויפן קאַמפן־פעלד;
באַוויינט אים אַמעריקע די פרייע.
די איינציקע טרייסט:
ס׳וועט לעבן זיין גייסט,
אין אַלע שיכטן און רייען.

דאָס פרייע וואָרט

אין אַמעריקע, דאָס וואָרט איז פריי.
די ווערטער זיינען אַלט און ניי.
פאַראַן ווערטער שלעכטע און עכטע;
פאַראַן דאָ מענטשן, וואָס זיינען גאָר „רעכטע״...

נוצט דאָס פרייע וואָרט פאַר אַ תירוץ
יעדער ברוין־העמדיקער שֶרֶץ.
באַשטייט אויף פרייע רעדע־רעכט,
און מיט רעדעס — מענטשן שֶחט.

נישט נאָר מענטשן פיל שֶחט ער,
נאָר ווי אַ „צדיק״ אַן עכטער,
צילט ער פירן ס׳פרייע לאַנד
צו קאַצעטן — נאַצי־שאַנד!

אויף לעקציעס אין אוניווערסיטעטן,
לויבן זיי די „פיינקייט״ פון קאַצעטן.
און מיט גיפט די „פרייע״ פראַזן,
לערנען זיי מענטשן צו פאַרגאַזן.

דער געזעץ האָט אויף זיי רחמנות,
זיינען פריי פאַר זיי טריבונעס. . .
נו ווער זשע קען זיי דאָס פאַרווערן?
קומען סטודענטן זיי אויסהערן. . .

אַ וואָרנונג צו די הייכן

פון ערדישן פּלאַנעט אַ וואָרנונג צו די הייכן,
צו אייך, וואָס לעבן אויף דער „אַנדערער זייט״:
גלויבט אונדז נישט ווען מיר צו אייך גרייכן,
זייט פּאָרזיכטיק, זייט גוט צוגעגרייט!

דרייט זיך נישט אַריין אין אונדזער ערדישן טומל;
גלויבט נישט אונדזער פריינדשאַפט, אונדזער חן.
האַלט אַן אויג, זייט וואַכזאַם אין הימל,
היט זיך פאַר אונדזער ערדישן געביין.

מיר קענען אייך נישט ברענגען קיין גן־עדן;
פון מלחמות בלוטיקע איז אויסגעווייקט די ערד!
ס'איז קיין מאָל דאָ נאָך נישט געווען קיין פריידן,
שאַרפער ווערט דאָ אַלע מאָל די שווערד.

מיר קענען קיין שלום נישט ברענגען אייך,
האַס און מלחמות באַהערשן אונדזער שטערן.
איין ראַסע צו דער צווייטער איז דאָ נישט גלייך,
און פעלקער־מאָרדן דאָ זיך מערן און מערן.

זייט פּאָרזיכטיק! הערט זיך נישט צו אונדז איין,
פאַרמאַכט אייערע אויגן, פאַרמאַכט אייערע אויערן.
לאָזט אונדז נישט צו אייך אַריין,
פאַר אייער טובה, פאַרשליסט אַלע טויערן.



וואַכיק זיין

נאָכן פאַרגאַזן, פאַרברענען אין פלאַמען
זעקס מיליאָן, אין גרוילעכע פּיינען,
גרייט זיך סאַדאַם מער צו פאַרסמען
מיט די טויטלעכע גאַזן זיינע!

ס׳טראָגט נאָך אַש דער ווינט אַרום,
שקר פריער און אויך אַצינד.
די וועלט איז ווידער טויב און שטום.
ס׳באָדט די וועלט זיך אין דער זינד.

ווערטלאָז בלוט — נאָר טייער אויל,
ס׳שוואַרצע גאָלד ווערט הויפּנס געלט.
ווערט פאַרקוקט דער מערדער גרויל;
חוצפהט מערדער אומפאַרשטעלט!

פריי ער שאַרפט דעם מעסער־שאַרף,
פריי ער שפרייט דעם יידן־האַס.
אין יעדן לאַנד, שטאָט און דאָרף,
אויף יעדן וועג, אויף יעדער גאַס.

אַ היטלער אין אַן אַנדער פעל,
כאָטש נישט ווי היטלער קוקט ער אויס,
איז זיין טראָט דער זעלבער שטעל:
דורך יידיש בלוט צו ווערן גרויס!

יולי 1989

די קומענדיקע שעה

אויב דו זאָלסט וועלן,
קאָנסטו זיך פאָרשטעלן,
אָט די דאָזיקע שעה,
וואָס איז נאָך נישט דאָ:

אַ האָריזאָנט אַ פּרעכטיקער,
אַ פרימאָרגן אַ ליכטיקער,
מיט רייכסטע קאָלירן
און שענסטע באַצירן.

דו קאָנסט זיך מאָלן
לאַנגע גרינע טאָלן,
אַלע ביימער אין צוויט,
אַ פריילינג צעבליט.

ווי אין אַ צויבער ווילע
—רו און אידיליע.
די זון שיינט פון אויבן
אויף גאָרטנס מיט טרויבן.

ווײַן איז דער מאָרגן טוי.
דער טייך אַזוי גלאַט און בלוי.
צווישן וואָלקנס אַ רעגנבויגן
מיט זיינע קאָלירן־סטויגן.

דו מעגסט זיך פאַרגינען
דאָס שענסטע צו שפּינען
פאַר דער קומענדיקער שעה,
וואָס איז נאָך נישט דאָ. . .

מיין צוואה

אויב דאָס זאָל זיין מיין לעצטער ליד,
איידער איך ווער מיט ערד באַדעקט,
קוים נאָך ס׳לעבט אין מיר אַ גליד,
וויל איך פון דאַנען מיט אַ צוואה אַוועק.

אַ צוואה דער וועלט, וואָס איז אַ מיש־מאַש
אויף יעדן אָרט, פון עק צו עק.
מענטש, ווי פון ווינט דאָס אַש,
ווערט געיאָגט פון ברעג צו ברעג.

זאָג איך: מענטש, טו זיך באַזינען.
זאָל אמת ווערן אויפגעדעקט.
מוזט אַליין זיך צוריק געפינען,
אַליין מוזט ווערן אויפגעוועקט!

און גיי אַרום פון גאַס צו גאַס,
פון טיפן שלאָף וועק און וועק!
און די, וואָס פרעדיקן נאָר האַס,
פאַריאָג ווייט פון זיך אַוועק!

ס׳מוז די וועלט שוין ווערן פריי
פון די, וואָס טראָגן קײנס פלעק.
ס׳מוז דאָס לעבן אויף דאָס ניי
אַ זינען האָבן און אַ צוועק.

ברענג אַרויס פון זיך דאָס גוטע,
פאַריאָג די שׂנאה, וואָס שטערט דיין וועג.
זאָלסט לעבן קענען פריי און מוטיק,
ווי פייגל אין די זומער טעג.

אין אָדם־מענטש כ׳האָב נאָך גלויבן,
(גלויבן איז דאָך מיין פאַרמעג),
אַז מענטש קען ווערן נאָך דערהויבן,
ווען ער וועט גיין אויפן אמת־וועג!

אינהאַלט

אַריינפיר 7
ביאָגראַפיע פונעם מחבר 9
ביי דער שקיעה (פּאָעמע) 15

אונדזער גרויסער חורבן. . .
אָ, גאָט פון מיינע פרומע טאַטע־מאַמע 23
איך בין מיט זיי 24
מיין שטעטל מאַציעוו (פּאָעמע) 25
הייליק אָרט 28
קדוש השם 31
אַ שטאָלצע שוועסטער 33
שבתדיקע לייכטער 34
ס׳וויינט אויך דער וואַלד 36
מלאכים (פּאָעמע) 38

די יאָרן נאָכן חורבן. . .
מיינע חלומות (פּאָעמע) 43
איך פאַרלאַז דיך, אוקראַינע (סאָנאַטע) 48
צו די שטערן 51
גיב מיר אַ טרוים 52
מיינע טרוימען זיינען אַוועק 54
שמע ישראל 55
דער צוואָנציקסטער יאָרהונדערט 56
אַ קינד געיִידישט (סאָנאַטע) 58
נייע בלימעלעך 59
פרייטיק צו נאַכט 60
מיין טרויעריק ליד 63
אַ תפילה אַזאַ 64

צו מדינת ישראל. . .
נישטאָ קיין ברירה 67
דער פרוכטבאַרער בוים (אַ מָשָל) 68
גִבּוֹרֵי ישׂראל 70
הכשרה אין קלאָסאָווע 73
חנוכה אַמאָל און היינט 74
ט״ו בשבט 75
יוסף טרומפּעלדאָר 76
י״א אָדר 77
אַ גרוס פון ישׂראל 78

ייִדיש לָשון און פאָלק. . .
ייִדישע אותיות 81
אַ ייִדישער חלום 82
ווער איז אַ ייִד? 84
מיט ייִדיש 86

ייִדישע לידער 89
דער מאַמעס ייִדיש 90
ייִדעלעך קליינע 91
איך וויל נאָר זײַן אַ ייִד 92
מײַן פֿאָלק 93
מײַן גאָט פֿון ייִדיש 94

נאַטור־לידער. . .
ביים טײַכל 97
אין וואַלד 98
אַ ייִד אין פֿעלד 99
אַ פֿאַרמערס תּפֿילה 100
פֿרילינג 103
נאָך אַ מאַי 104
זומער אין דאָרף 105
אַ זומער פֿאַרנאַכט 106
אַ זומער רעגן 107
אָסיען אין ניו ענגלאַנד 108
אָסיען אויף דער פֿאַרם 111
אַ בוים אין ווינטער 112

פֿאַרשיידענע לידער. . .
צו יהושע (סאָנאַטע) 115
בלימעלעך 116
פֿרילינג אין אָסיען 117
די שטראָף. 118
מײַנע פּעק (פּאָעמע) 121
האָפֿענונג 123
מײַנע ווערטער 124
עליע וויזעל 125
צום פּאָעט יעווטושענקאָ 126
אַ פּאַרטיזאַנס פֿרילינג 127
מײַנע מעת־לעתן 128
„ווי זאַמד ביים ברעג". 130
קינס סם 131
יום כּפּור אין שול 132
אויף פֿלאָרידע עסטראַדעס 135
פֿונעם עראָפּלאַן 137
דער לץ 138
דזשאָן פּ. קענעדי 139
דאָס פֿרייע וואָרט 140
אַ וואָרנונג צו די הייכן 141
וואַכיק זײַן 142
די קומענדיקע שעה 143
מײַן צוואה 144
אינהאַלט 145
בילדער און צייכענונגען

חוה און יעקב ביבער